# חומש




# מקראות גדולות

## חמשה חומשי תורה

עם

פירושים והוספות רבות

כמבואר בשער השני.

---

ווארשא

בדפוס והוצאת

האחים לוין־אֶפשטין.

# מקראות גדולות

## ספר

# שמות

## מן חמשה חומשי תורה

---

### עם ששה ושלשים פירושים ומעלות. ואלה הם:

א) תורת משה נדפסה בשלמות באותיות גדולות. עם הפטרת. מנוקד. מוגה. ומדויק. עצהיו"ט.

ב) תרגום אונקלוס על התורה.

ג) פי' רש"י בשלמות מאת רבינו שלמה יצחקי ז"ל.

ד) פירוש שפתי חכמים מבאר כל דבר הקשה בפירוש רש"י ז"ל מבעהמ"ח ס' שפתי ישנים.

ה) פי' הרשב"ם מרבינו שמואל ב"ר מאיר נכד רש"י.

ו) פי' בעל הטורים מרבינו יעקב ב"ר אשר זצ"ל.

ז) פי' דעת זקנים מבעלי התוספות ז"ל.

ח) תולדות אהרן עה"ת מראה מקומות מכל פסוק בש"פ.

ט) מנין המצות למהר"ם האגיז ז"ל נדפסו בפנים החומש ע"כ הפסוקים.

י) טעמי הקרבנות ברוך חדש ונפלא, נאספו מגדולי המפרשים ז"ל.

יא) דיני הקרבנות בקצרה.

יב) עברי טייטש על התורה. } מלוקט מאת גדולי

יג) עברי טייטש על הפטרת. } מפרשים ומדרשים.

יד) משלי חכמים פירוש ומשלים נעימים המושכים לב הקורא להגות בתורת ה'. מהה"מ מדובנא ז"ל.

טו) עניני הסדרה פירוש על מקומו נאסף מגדולי המפרשים בטוב טעם ודעת.

טז) ענין הסדרה על עברי טייטש לפני כל סדרה.

יז) ההפטורת עם פי' חדש (כת"י) משלים ופשטים נעימים על כל הפטרת, בשלימות.

יח) ספר הישר על התורה מועתק על עברי טייטש. יעדער וואס וועט דאס ליינען וועט גרויס תענוג האבען.

יט) ספר פרקי דר"א נעתק על ע"ט.

כ) מצות השם על תרי"ג מצות מועתק על ע"ט. כדי יעדער זאל פאר שטיין די תרי"ג מצות מקיים צו זיין. אונ מיר האבען יעדע מצוה צוגישטעלט אויף זיין ארט.

כא) החמש מגילות עם הטעמים

כב) פירוש רש"י על כל החמ"ג.

כג) פירוש שפתי חכמים על כל החמ"ג.

כד) מצודת דוד } על שה"ש וקהלת מאת הרב מו"ה יחיאל

כה) מצודת ציון } הלל בהרב הגאון מו"ה דוד אלטשולער ז"ל

כו) תולדות אהרן מראה מקומות בש"ס על החמ"ג.

כז) קול יעקב מהרב המגיד מדובנא ז"ל.

כח) תרגום שני על מגילת אסתר.

כט) פתשגן הכתב פי' על תרגום שני.

ל) מצח אהרן מבאר התרגום שני בלשון צח המדוברת מועתק על עברי טייטש.

לא) משלי ישראל על קהלת והוא פירוש יקר ומשלים חדשים מתוקים. וערבים על לב הקורא.

לב) עברי טייטש על כל החמש מגילות.

לג) התפלתקבלת ש"ק ושאר התפלות לכל שבתות השנה

לד) יוצרות לארבע פרשיות ולשה"ג

לה) לוח המולדות לי"ב שנה.

### הוספה חדשה

לו) מיר האבען מוסיף גיוועזן פי' ליקוטים יקרים מועתק על עברי טייטש. כדי יעדער זאל פאר שטיין די חידושים פון די תורה. מלוקט ומסודר פשטים נפלאים ומתוקים ממובחרי המפרשים הראשונים והאחרונים, היינו.

א) אלשיך הקדוש, ב) אור החיים הקדוש, ג) אור תורה, ד) אהבת שלום, ה) אור פני משה, ו) אורי וישעי, ז) אותיות דר' עקיבא, ח) אבן עזרא, ט) אמרי בינה, י) אהבת עולם, יא) אור עולם, יב) בעל הטורים, יג) באר מים חיים, יד) ברית מנוחה, טו) גלי רזיא, טז) זוהר הקדוש, יז) זרע קודש, יח) חשב האפוד, יט) חסד לאברהם, כ) חכם הרזים, כא) ישמח משה, כב) ילקוט ראובני, כג) ילקוט חבקוק, כד) כלי יקר, כה) כלי חמדה, כו) מדרש תנחומא, כז) מגלה עמוקות, כח) מאור עינים, כט) מדרש הנעלם, ל) מדרש רבות, לא) מורה נבוכים, לב) מבשר צדק, לג) נועם אלימלך, לד) נחל קדומים, לה) ספורנו, לו) ספר חסידים, לז) עשרה מאמרות, לח) עוללות אפרים, לט) עבודת הקודש, מ) עבודת ישראל, מא) פענח רזא, מב) פרקי היכלות, מג) פנים יפות, מד) ציוני, מה) צמח ה' לצבי, מו) צרור המור, מז) צידה לדרך, מח) קדושת לוי, מט) רמב"ן, נ) ריקאנטי, נא) רביד הזהב, נב) של"ה הקדוש, נג) שערי אורה, נד) שפתי קדושים, נה) שפתי צדיקים, נו) שפתי כהן, נז) תרגום יונתן, נח) תרגום ירושלמי, נט) תשואות חן, ס) תוצאות חיים, סא) תקוני זהר, סב) תורת אמת.


## ווארשא

### בהוצאת האחים לעווין-עפשטיין ושותפם

Drukarnia Lewin-Epstein Warszawa, Pawia 38.

PRINTED IN POLAND

# בְּרָכוֹת הַפְטָרָה

קודם קריאת הפטרה יברך

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר בָּחַר בִּנְבִיאִים טוֹבִים וְרָצָה בְדִבְרֵיהֶם הַנֶּאֱמָרִים בֶּאֱמֶת: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ הַבּוֹחֵר בַּתּוֹרָה וּבְמשֶׁה עַבְדּוֹ וּבְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ וּבִנְבִיאֵי הָאֱמֶת וָצֶדֶק:

ואחר קריאת ההפטרה יברך

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם צוּר כָּל הָעוֹלָמִים צַדִּיק בְּכָל הַדּוֹרוֹת הָאֵל הַנֶּאֱמָן הָאוֹמֵר וְעוֹשֶׂה הַמְדַבֵּר וּמְקַיֵּם שֶׁכָּל דְּבָרָיו אֱמֶת וָצֶדֶק:

נֶאֱמָן אַתָּה הוּא יְיָ אֱלֹהֵינוּ וְנֶאֱמָנִים דְּבָרֶיךָ וְדָבָר אֶחָד מִדְּבָרֶיךָ אָחוֹר לֹא יָשׁוּב רֵיקָם כִּי אֵל מֶלֶךְ נֶאֱמָן וְרַחֲמָן אָתָּה: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ הָאֵל הַנֶּאֱמָן בְּכָל דְּבָרָיו:

רַחֵם עַל צִיּוֹן כִּי הִיא בֵּית חַיֵּינוּ וְלַעֲלוּבַת נֶפֶשׁ תּוֹשִׁיעַ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ מְשַׂמֵּחַ צִיּוֹן בְּבָנֶיהָ:

שַׂמְּחֵנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ בְּאֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא עַבְדֶּךָ. וּבְמַלְכוּת בֵּית דָּוִד מְשִׁיחֶךָ. בִּמְהֵרָה יָבֹא וְיָגֵל לִבֵּנוּ. עַל כִּסְאוֹ לֹא יֵשֵׁב זָר וְלֹא יִנְחֲלוּ עוֹד אֲחֵרִים אֶת כְּבוֹדוֹ. כִּי בְשֵׁם קָדְשְׁךָ נִשְׁבַּעְתָּ לּוֹ שֶׁלֹּא יִכְבֶּה נֵרוֹ לְעוֹלָם וָעֶד: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ מָגֵן דָּוִד:

עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה וְעַל הַנְּבִיאִים וְעַל יוֹם הַשַּׁבָּת הַזֶּה שֶׁנָּתַתָּ לָּנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ לִקְדֻשָּׁה וְלִמְנוּחָה לְכָבוֹד וּלְתִפְאָרֶת:

עַל הַכֹּל יְיָ אֱלֹהֵינוּ אֲנַחְנוּ מוֹדִים לָךְ וּמְבָרְכִים אוֹתָךְ יִתְבָּרַךְ שִׁמְךָ בְּפִי כָּל חַי תָּמִיד לְעוֹלָם וָעֶד: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת:

**אודה** לה' אשר זכני להדפיס החמשה חומשי תורה עם שפעת ענינים מחודשים על פסוקי התורה, אשר כלם המה מלוקטים מגדולי מפרשי התורה, דברים מתוקים וערבים, בדרך פשט ובדרך דרש, ובטוח אנכי כי כל הגדולים בעלי תורה וחכמה ימצאו בהענינים האלה טעם בעיקר על פסוקי התורה, ידעו להוקיר החומשים האלה מכל החומשים הנדפסים לפני ההמון, גם יעוררו את כל איש ישראל להכנים את הברכה הזאת אל ביתם, כי יבינו את ערך הכסף אשר פזרתי דרך רב לקבץ כל הענינים האלה ולהעמידם על מקומם בטוב טעם ודעת, מלבד כל הפירושים אשר נמצאו ג"כ בחומשים המועתקים לא חסרתי מהם דבר, אך גם המה נתקנו ביתרון הכשר חכמה ודעת ומלבד התקוני הע"ט אשר תקננו הלשון והבונה, להבין על ידי העתקה הזאת פירוש החומש באר היטב המו"ל והמלבה"ד.


## שמות

| | | דף | צד |
|---|---|---|---|
| קצד | עניני שמות השבטים | ג | |
| קצה | ביאורי הפסוקים מן התחלת הפרשה עד פסוק ח | ד | |
| קצו | באור ע"פ ויקם מלך חדש | | 10 |
| קצז | בע"פ ויאמר מ"מ למילדות וגו' | | 14 |
| קצח | באור כונת רש"י ע"פ ותחיין וגו' | | 16 |
| קצט | בע"פ ויעש להם בתים | | 18 |
| ר | בע"פ ויצו פרעה לכל עמו | י | |
| רא | בע"פ ותרא אותו כי טוב והצלתו | יא | |
| רב | בע"פ ויפן כה וכה וגו' | | 30 |
| רג | בע"פ ולכהן מדין וגו' | | 32 |
| רד | בע"פ ותאמרן איש מצרי | יז | |
| רה | בע"פ וימת מלך מצרים וגו' | יח | |
| רו | בע"פ וידע אלהים | | 36 |
| רז | בע"פ ומשה היה רועה ומראה הסנה | | " |
| רח | בע"פ ויאמר ה' ראה ראיתי וגו' | כ | |
| רט | בע"פ ויאמר משה וגו' מי אנכי | כא | |
| רי | בע"פ אהיה אשר אהיה | | 44 |
| ריא | בע"פ ושמעו לקולך וגו' | | 46 |
| ריב | בע"פ ועתה נלכה נא וגו' | כד | |
| ריג | בע"פ מה זה בידך וגו' וענין הנחש | | 50 |
| ריד | בע"פ והיה אם לא יאמינו וגו' | | 52 |
| רטו | בע"פ ויאמר משה וגו' בי אדני | כז | |
| רטז | בע"פ ויהי בדרך במלון וגו' | | 60 |
| ריז | בע"פ ויכו שוטרי בני ישראל וגו' | לד | |
| ריח | באור על טענת משה להקב"ה למה הרעותה | | 70 |

## וארא

| | | דף | צד |
|---|---|---|---|
| ריט | דרוש ארוך ע"פ וידבר אלהים וגו' | | 78 |
| רכ | בע"פ הן בני ישראל וגו' | | 84 |
| רכא | בע"פ אלה ראשי בית אבותם וגו' | | 86 |
| רכב | בע"פ הוא אהרן ומשה וגו' | מה | |
| רכג | בע"פ ויהי ביום דבר ה' וגו' | | 90 |
| רכד | בע"פ תנו לכם מופת וגו' | מז | |
| רכה | באור תניני חרטומי מצרים | | 94 |
| רכו | באור מכת דם | מט | |
| רכז | בע"פ ויעשו כן חרטומי מצרים | " | |
| רכח | באור מכת הצפרדעים | נ | |
| רכט | בע"פ התפאר עלי וגו' | נא | |
| רל | באור ע"פ ויצעק משה וגו' ע"ד הצפרדעים וגו' | | 102 |
| רלא | בע"פ והפליתי ביום ההוא | | 106 |
| רלב | בע"פ הנה יד ה' וגו' | נה | |
| רלג | באור ע"פ רש"י ז"ל בפסוק את כל מגפותי האמור במכת ברד | | 112 |
| רלד | בע"פ הירא את דבר ה' | | 114 |
| רלה | באור על מאמר פרעה חטאתי | | 116 |
| רלו | בע"פ העתירו אל ה' וגו' | | 116 |
| רלז | בע"פ כצאתי את העיר | נט | |
| רלח | בע"פ ואתה ועבדיך וגו' | " | |
| רלט | בע"פ ויחדלו הקולות וגו' | | 118 |

## בא

| | | דף | צד |
|---|---|---|---|
| רמ | באור התראת משה לפרעה על הארבה | | 124 |
| רמא | בע"פ את אשר התעללתי וגו' | סג | |
| רמב | בע"פ וכסה את עין הארץ | | 126 |
| רמג | בע"פ ויפן ויצא מעם פרעה | סד | |
| רמד | בע"פ עד מתי יהי' זה לנו וגו' | " | |
| רמה | בע"פ ויושב את משה וגו' | | 128 |
| רמו | בע"פ בנערינו ובזקנינו | | " |
| רמז | בע"פ לכו נא הגברים | | 130 |
| רמח | בע"פ נטה ידך וגו' | | " |
| רמט | בע"פ ורוח הקדים וגו' | סו | |
| רנ | בע"פ ויאמר חטאתי וגו' | | 132 |
| רנא | ענין מכת חשך | | 134 |
| רנב | בע"פ לא יחרץ איש א"א וגו' | סח | |
| רנג | בע"פ ומשה ואהרן עשו וגו' | | 142 |
| רנד | בע"פ החדש הזה וגו' | עב | |
| רנה | בע"פ והיה הדם לכם | | 150 |
| רנו | בע"פ ויקרא משה וגו' וכל הענין שם דרוש ארוך | עח | |
| רנז | בע"פ וישא העם את בצקו וענין חמץ ומצה | | 160 |
| רנח | ענין קדוש הבכורים | | 166 |

## בשלח

| | | דף | צד |
|---|---|---|---|
| רנט | בע"פ ויהי בשלח פרעה | | 176 |
| רס | בע"פ ואמר פרעה לבני ישראל | צא | |
| רסא | בע"פ ובנ"י יוצאים ביד רמה | צג | |
| רסב | בע"פ ויאמר משה וגו' א"ת | | 188 |
| רסג | בע"פ מה תצעק אלי וגו' | צה | |
| רסד | בע"פ ולא קרב זא"ז | | 192 |
| רסה | בע"פ ויבאו בנ"י בתוך הים | צז | |
| רסו | באור ע"פ ויהי באשמורת וגו' וענין קריעת ים סוף | " | |
| רסז | בע"פ עזי וזמרת יה וגו' | | 198 |
| רסח | בע"פ וברוח אפך וגו' | קא | |
| רסט | בע"פ ותקח מרים הנביאה | קג | |
| רע | בע"פ ויסע משה וגו' ומי מרה | | 206 |
| רעא | באור ענין המן | | 210 |
| רעב | בע"פ וילקטו המרבה וגו' | קח | |
| רעג | בע"פ ויהי ביום הששי | | 216 |
| רעד | בע"פ ויבא עמלק וכל הענין | קיב | |

## יתרו

| | | דף | צד |
|---|---|---|---|
| רעה | בע"פ וישמע יתרו וכל הענין | קיח | |

| סימן | ענין | דף | צד |
|---|---|---|---|
| רעו | בע״פ ויהי ממחרת וגו׳ | קכב | |
| רעז | בע״פ ויאמר חותן משה וגו׳ | קכג | |
| רעח | בע״פ בחדש השלישי וגו׳ | קכה | |
| רעט | בע״פ ויבא משה ויקרא לזקני וגו׳ | - | |
| | וכל הענין | | 254 |
| רפ | בע״פ רד העד בעם וגו׳ | קל | |
| רפא | בע״פ אנכי ה״א | | 262 |
| רפב | בע״פ לא יהי׳ לך וגו׳ | קלב | |
| רפג | בע״פ לא תעשה לך פסל וגו׳ | ״ | |
| רפד | בע״פ לא תשא וגו׳ | | 266 |
| רפה | בע״פ זכור את יום השבת | קלד | |
| רפו | בע״פ כבד את אביך וגו׳ | קלה | |
| רפז | בע״פ לא תרצח ל״ת ל״ת ל״ת ל״ת | | 270 |
| רפח | בע״פ וכל העם רואים וגו׳ | קלו | |
| רפט | בע״פ לא תעשון אתי וגו׳ | קלז | |


## משפטים


| סימן | ענין | דף | צד |
|---|---|---|---|
| רצ | באור ענייני חקים משפטים מצות | | 280 |
| רצא | בע״פ כי תקנה וגו׳ | קמא | |
| רצב | בע״פ אם בעל אשה וגו׳ | קמב | |
| רצג | בע״פ והגישו אל הדלת וגו׳ | קמג | |
| רצד | בע״פ וכי ימכור איש את בתו | | 286 |
| רצה | בע״פ מכה איש ומת | | 290 |
| רצו | בע״פ מכה או״א וגונב ומקלל | | 292 |
| רצז | בע״פ וכי יריבון אנשים | קמז | |
| רצח | בע״פ עין תחת עין | קמט | |
| רצט | בע״פ וכי יגח שור וגו׳ | קנ | |
| ש | בע״פ אם המצא תמצא | | 306 |
| שא | בע״פ כי יתן איש א״ר | | 308 |
| שב | בע״פ אשר ירשיעון | | 310 |
| שג | בע״פ וכי יפתה | קנז | |
| שד | בע״פ כל אלמנה וגו׳ | | 316 |
| שה | בע״פ אם כסף וגו׳ | קנט | |
| שו | בע״פ והיה כי יצעק | קס | |
| שז | בע״פ אלהים ל״ת | | 320 |
| שח | בע״פ מלאתך וגו׳ | | ״ |
| שט | בע״פ ואנשי קדש | קסא | |
| שי | בע״פ לא תשא שמע שוא | | 322 |
| שיא | בע״פ ושש שנים וגו׳ | קסד | |
| שיב | בע״פ שלש רגלים | קסה | |
| שיג | בע״פ הנה אנכי שולח מלאך | | 3 |
| שיד | בע״פ ועבדתם וגו׳ | | 334 |
| שטו | בע״פ ושלחתי הצרעה | קסח | |
| שטז | בע״פ מעט מעט | ״ | |
| שיז | בע״פ ואל משה אמר | | 336 |
| שיח | בע״פ ויקח משה את הדם וגו׳ | | 338 |
| שיט | בע״פ ויראו את אלהי ישראל בטו״ט | קע | |


## תרומה


| סימן | ענין | דף | צד |
|---|---|---|---|
| שכ | עניני תרומת המשכן | קעד | |
| שכא | ענין חשן ואפוד | | 350 |
| שכב | ענין המנורה | | 352 |
| שכג | ענין הארון | קעז | |
| שכד | בע״פ ועשית כפרת | | 356 |
| שכה | ענין השלחן | קפ | |
| שכו | רמזי המנורת | | 362 |
| שכז | רמזי המשכן | קפג | |
| שכח | בע״פ ועשית את הקרשים | קפה | |
| שכט | ענין הפרכת | | 374 |
| של | יזיון המזבח | | 376 |


## תצוה


| סימן | ענין | דף | צד |
|---|---|---|---|
| שלא | דרוש ארוך על ענין הדלקת המנורה | קצג | |
| שלב | עניני בגדי קדש | | 388 |
| שלג | בע״פ ונתת את שתי האבנים | | 394 |
| שלד | בע״פ ועשית חשן משפט | קצח | |
| שלה | בע״פ ועשית שתי טבעות (כו) | | 398 |
| שלו | בע״פ ועשית שתי טבעות (כו) | | |
| שלז | בע״פ מעיל האפוד | | 400 |
| שלח | בע״פ ועשית ציץ | | 402 |
| שלט | בע״פ ושבצת וגו׳ | רב | |
| שמ | בע״פ וזה הדבר | רג | |
| שמא | ענין קרבן התמיד | רח | |
| שמב | בע״פ ועשית מזבח | רט | |


## תשא


| סימן | ענין | דף | צד |
|---|---|---|---|
| שמג | באור על מנין ישראל | | 424 |
| שמד | ענין מחצית השקל | ריג | |
| שמה | בע״פ ועשית כיור וגו׳ | | 428 |
| שמו | בע״פ קח לך בשמים ראש | רטו | |
| שמז | ענין חכמת בצלאל במלאכת המשכן | | 434 |
| שמח | בע״פ אך את שבתותי תשמרו | | 436 |
| שמט | בע״פ לעשות את השבת וגו׳ | ריט | |
| שנ | בע״פ ביני וגו׳ | | 438 |
| שנא | דעת העם בבקשם עשית העגל | רכ | |
| שנב | בע״פ לך רד וכל הענין | רכב | |
| שנג | בע״פ ויחל משה וכל הענין שם | | 446 |
| שנד | ענין שבירת הלוחות | רכו | |
| שנה | בע״פ ויהי ממחרת | | 456 |
| שנו | בע״פ ועתה הורד עדיך | רלא | |
| שנז | בע״פ ראה אתה אומר אלי | רלב | |
| שנח | בע״פ אם מצאתי חן בעיניך | רלג | |
| שנט | בע״פ פני ילכו וגו׳ | ״ | |
| שס | בע״פ אם אין פניך הולכים | | 463 |
| שסא | ובמה יודע אפוא | | ״ |
| שסב | הראני נא את כבודך | רלד | |
| שסג | אני אעביר כל טובי וגו׳ | ״ | |
| שסד | הנה מקום אתי | | 468 |
| שסה | והיה בעבור כבודי | | ״ |
| שסו | בע״פ וימהר משה | רלו | |


## ויקהל


| סימן | ענין | דף | צד |
|---|---|---|---|
| שסז | בע״פ ויקהל משה וכל הענין שם | | 486 |
| שסח | בע״פ קחו מאתכם וגו׳ | | 488 |
| שסט | וכל חכם לב | רמה | |
| שע | ויצאו כל עדת ב״י | רמו | |
| שעא | בע״פ ויבואו כל איש | | 492 |
| שעב | בע״פ וכל איש אשר נמצא אתו וגו׳ | רמז | |
| שעג | בע״פ וכל אשה חכמת לב | ״ | |
| שעד | נדבת הנשיאים | | 494 |
| שעה | ענין רבוי נדבת העם | רמט | |
| שעו | בע״פ ויעשו כל ח״ל וכל הענין שם | | 498 |


## פקודי


| סימן | ענין | דף | צד |
|---|---|---|---|
| שעז | ענין פקודי המשכן | רנז | |
| שעח | בע״פ ותכל כל עבודת המשכן | רסב | |
| שעט | בע״פ ויביאו את המשכן | ״ | |
| שפ | בע״פ כן עשו בני ישראל | רסג | |
| שפא | בע״פ ביום החדש וגו׳ | | 526 |
| שפב | בע״פ [illegible] הענן | רס[illegible] | |

# עניני מנין השבטים

שלמה המלך האט געזאגט חושך שבטו שונא בנו. דער מענטש וואס פארמיידט די רוט פון זיין זוהן, אז ער זעהט זיין זוהן טוהט מעשים רעים און ער שטראפט אים ניט און שלאגט אים ניט, איז אזייכין אז ער האט פיינט זיין זוהן; דריבער לאזט ער אים טאהן וואס ער וויל, און אז דער קינד וועט עלטער ווערין וועט ער אויך מאהן דיא מעשים רעים וואס ער איז געוואהנט צו טאהן און ער וועט נאך מער טאהן וועט דעם זוהן זיין שלעכט אויף עולם הזה און אויף עולם הבא, און צו די שלעכטקייט און אומגליק האט אים געברייננגט זיין פאטער ווייל ער האט אים ניט געשטראפט ווען ער איז געוועזן אקינד, דער סוף וועט זיין דער פאטער אליין וועט אים אויך פיינט האבין וועגין זיינע מעשים רעים און ער וועט פיינט האבין דעם פאטער, ואוהבו שחרו מוסר. אבער דער מענטש וואס האט ליב זיין קינד שטראפט ער אים און שלאגט אים באלד אין זיין יוגענד און לאזט אים ניט זיך געוואהנען מיט שלעכטע מעשים, דריבער ווען דער קינד ווערט עלטער איז שוין בייא אים אין הארצין איינגעווארצילט זיינע גוטע מדות, און דער פאטער וועט אים ליב האבין און ער וועט ליב האבין דעם פאטער, און אזוי געפונען מיר ביי ישמעאל ווייל אברהם האט אים ניט געשטראפט אין זיין יוגענד, ווייל ער איז געוועזן ביי אים אבן יחיד און געבארין געווארין צו זיין עלטער, דריבער האט ער געדינט עכומ״ז, און הקב״ה האט געזאגט צו אים ער זאל טאהן וויא שרה זאגט צו אים ער זאל ארויס טרייבין ישמעאל פון זיין שטוב, און אזוי איז געוועזן ביי עשו, יצחק האט אים ליב געהאט דריבער האט ער אים ניט געשטראפט אין זיין יוגענד, איז ער געווארין ארשע און האט געדינט עכומ״ז, און אזוי איז געוועזן ביי אבשלום דער זוהן פון דוד המלך, און בייא זיין אנדערין זוהן אדוניהו בן חגית, ווייל דוד האט זייא ניט געשטראפט אין זייער יוגענד דריבער האבין זיי געטאהן מעשים רעים און האבין געברייננגט אויף זיך אשטראף און זענען געהרגת געווארין. און ווייל אברהם און שרה האבין געשטראפט זייער זוהן יצחק און האבין אים געלערנט צו טאהן מעשים טובים, דריבער איז ער געוועזן אצדיק, און אזוי האט געטאהן יעקב ווייל ער האט געשטראפט זיינע קינדער דריבער זענען זייא געוועזן צדיקים, וויא רש״י זאגט ווייל זיי זענען געוועזן דיא ליכטיגקייט פון דער וועלט ווי דיא שטערין אין הימעל. דריבער ציילט זיי די תורה צוויי מאהל, איין מאה״ל ביי זייער לעבין און איין מאהל נאך זייער שטארבין, דער ענין המוסר וואס דיא תורה האט אויף דעם געבאטין הוכח תוכיח. איינער זאל שטראפין דעם אנדערין, זאגט דער חובת הלבבות עס זענען דא צוויי-ערליי בעלי רחמנות, איינער האט רחמנות אויף מענטשין ווייל ער וויל גוטס טאהן צו מענטשין, און ער זוכט נאר וואס עס וועט זיין אטובה פאר זיין חבר, אפילו עס קאסט אים געלט, און אפילו ער זאל זיך מטריח זיין, ניט דער-שלאפין, ניט דער-עסין, נאר עס זאל זיין אטובה פאר מענטשין, טוהט ער דאס מיט זיין גוטען ווילען, און אז ער הערט נאר עס איז דא אמענטש וואס מען דארף אים טאהן אטובה, ווארט ער ניט ביז דער מענטש וועט קומען צו אים בעטין ביי אים די טובה. נאר ער גייט צו דעם מענטש, עס איז דא נאך איין בעל רחמנות, אז מען קומט צו אים און מען וויינט פאר אים גיט ער אנדבה, ניט ווייל ער וויל געבין אנדבה, נאר ער וויל אוועק שטויסין פון זיך זיין איגענעם צער, זיין הארץ וועט ניט זיין רוהיג געגין הקב״ה אוועק צו לאזין אארעם מאן און אים גאר ניט געבין, גיט ער אים עפעס. און אז צו אים קומט קיין ארעם מאן איז ער גאנץ צו פרידען, און אז מיר זעהן צוויי מענטשין גיבין נדבות און מיר ווילען וויסען ווער עס מיינט זיין טובה און ווער עס מיינט דיא טובה פון דעם ארעם מאן, מוזין מיר ווארטין ביז עס וועט אמאהל טרעפין אקראנקער מענטש אארעם מאן, וואס מען דארף אים היילין מיט יסורים, דהיינו מען דארף אפשניידין אפוס, און מענטשין מוזין זיך אבער בשעפטיגען און שטיין נעבין אים און העלפין דעם דאקטאר צו די רעפעראציע. דער מענטש וואס וויל אין אמת די טובה פון דעם קראנקין וועט ער העלפין מאכין דיא רעפעראציע, אפילו ער מאכט דעם קראנקין שמערצין, ווייל ער וויים אז די שמערצין איז אטובה פאר דעם קראנקין, אבער דער מענטש וואס טוהט אטובה נאר וועגין אראפ צו נעמען פון זיך די שמערצין ער זאל קיין צער האבין, דער מענטש וועט ניט וועלין שטיין ביי אזוי ארעפעראציע. ווייל ער אנטלויפט פאר די זאכין וואס קענען אים מצער זיין און ער זאגט ווי אזוי קען מען אמענטש טאהן אזעלכע יסורים. דער מענטש מיינט ניט דיא טובה פון דעם

קראנקין ער מיינט נאר ווייל ער וויל זיין הארץ זאל קיין צער האבין, דאס זעלביגע איז ביי א פאטער מיט זיינע קינדער. עס איז דא א פאטער וואס ער מיינט נאר די טובה פון זיין קינד און אז ער זעהט דער קינד טוהט מעשים רעים. און מען דארף אים שלאגין, שטעלט ער איין זיינע רחמנות. נאר ער ווערט שלעכט צום קינד און שלאגט אים, ווארום דאס שלאגין איז דער אמת'ר רחמנות, איין אנדער פאטער זאגט איך קען גאר ניט זעהן מען זאל שלאגין א קינד, אפילו א פרעמדע קינד קען איך אויך ניט זעהן מען זאל אים שלאגין, מיין אייגענע קינד קען איך געוויס ניט שלאגין, דאס איז א פאלשער רחמנות. דאס איז א רחמנות אויף זיך ניט אויף דעם קינד, דאס זעלביגע איז ביי הקב"ה מיט דיא יודין. הקב"ה איז אונזער פאטער און מיר זענען זיינע קינדער, הקב"ה האט גיזעהן אז פאר אונז איז אגליק מיר זאלין נעמען די תורה, ער האט אבער געוואסט אז מען וועט קומען צו אונז זאגין מיר זאלין נעמען די תורה. וואס מען מוז זיא גוט היטען, און אז מען טוהט ניט וויא אין די תורה שטייט, זענען דא הונדערט זיבען און פערציג קללות, אויסער מלקות, סקילה, שרפה, הרג, וחנק, ווער וועט וועלין נעמען אויף זיך אזוי א תורה, ווי אלע פעלקער האבין ניט גיוואלט נעמען די תורה, האט אונז הקב"ה ארויין גיגעבין אין מצרים מיר זאלין דארטין שווער ארבעטין, אונזערע קינדער זאל מען ווארפין אין טייך, אז הקב"ה האט גיזעהן אונזערע הארצער זענען שוין שטארק אונטער טעניג, האט ער געשיקט צו אונז משה רבינו און מען האט ביי אונז גיפרעגט אויב מיר ווילען נעמען דיא תורה וועלין מיר אויסגעלייזט ווערין פון מצרים, האט אונז הקב"ה גיגעבין יסורים, אפילו ער איז דער בעל רחמנות, ווייל ער האט געוואסט אז דיא יסורים זעלין אונז גליקליך מאכין צו ביידע וועלטין און דריבער האט הקב"ה געשיקט משה רבינו צו אונז ווייל משה רבינו האט מיט זיינע שעפסין אויך אזוי געפירט. ווארום דער מענטש וואס האט א ווייבע הארץ און קען ניט טאהן א רעה וואס פון איר זאל ארוים קומען א טובה, דער מענטש קען ניט זיין א פאסטוך צו פיטערין שעפסין. ווייל גראז זענען דא אין פעלד צווייערליי. יונגע גראז ווייבע און אלטע גראז הארטע. אז ער וועט ארוים לאזין פון שטאל אין פעלד אלע שעפסין מיט איין מאהל, וועלין דיא אלטע שעפסין אפעסין דיא יונגע גראז די ווייכע און די יונגע שעפסין וועלין ניט האבין צו עסין, ווייל די הארטע גראז קענען זייא ניט עסין. נאר מען מוז די אלטע שעפסין פארהאלטין אין שטאל. און ארוים שיקען דיא יונגע שעפסין אין פעלד אז זייא וועלין האבין אפגיגעסין דיא ווייבע גראז וועט מען ארוים שיקען דיא אלטע שעפסין זייא זאלין עסין דיא הארטע גראז. וועט דאך אבער זיין א רחמנות אויף דיא אלטע שעפסין זיי זאלין זיין הונגעריג אזוי א לאנגע צייט און זיי וועלין שרייען און ער קען דאך ניט הערין א רחמנות געשרייא. וועט ער דיא אלטע שעפסין אויך ארוים לאזין אין פעלד וועלין דיא יונגע שעפסין ניט האבין צו עסין ניט איצט ניט שפעטער. דריבער אזוי א מענטש קען ניט זיין א פאסטוך. אבער משה רבינו האט איין געהאלטין דעם רחמנות פון דיא אלטע שעפסין און האט טאקי ארויסגעשיקט די יונגע שעפסין פריער. האבין ביידע ערלייא שעפסין געהאט צו עסין. האט הקב"ה גיזאגט ווייל דו קענסט פיטערין שעפסין וועסטו קענין פיטערין מיינע יודין אויך. דוד המלך האט איך אזוי געפיטערט זיינע שעפסין. דריבער האט הקב"ה אים געמאכט פאר א מלך אויף די יודין:

א וְאִלֵּין שְׁמָהַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל דְּעָלוּ לְמִצְרַיִם עִם יַעֲקֹב גְּבַר

א וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת

## בעל הטורים

(א) ואלה שמות בני ישראל הבאים. ר"ת שביה שאף כשהיו בשביה שמות בני ישראל לא שינו שמותם שבשביל ד' דברים נגאלו ממצרים בשביל שלא שינו את שמותם וכו' וג"כ ואלה ו' מוסיף על ענין ראשון וימת יוסף ואלה שמות שלוה להם שלא ישנו שמותם וא"ל אע"פ ששינו שמי לפנת פענח אתם אל

## רשבים

(א) ואלה שמות. מפני שרוצה לפרש ולומר ובני ישראל פרו וישרצו וגו' הוצרך לכפול

## רש"י

(א) ואלה שמות בני ישראל. אע"פ שמנאן א בחייהן בשמותן הזר ומנאן במיתתן

דכבר מנאן ועל זה פירש להודיע כו'. א"נ ק"ל דואלה ל"ל דלא הל"ל אלא אלה שמות וגו' וא"ל דקאי על מספר של מעלה דכפ' ויגש והתם כתיב ואלה דקשה למאי נ"מ קאמר דקאי על מספר דלעיל וא"ל דקאי על מספר דלעיל ולהודיע שזה המספר אחר

## שפתי חכמים

א דקשה לרש"י למה מנאן פעם אחרת הא כבר מנאן לעיל כפ' ויגש וא"ל דלעיל מנאן בחייהן ועכשיו מנאן אחר מיתתן מנ"מ בין מנין דקודם מיתה בין לאחר מיתה כיון

## דעת זקנים מבעלי התוספות

(א) ואלה שמות הבאים. והלא כבר באו קודם לכן אלא קודם שמת יוסף לא נתן עליהם מסים משמת נתן עליהם מסים ונעשה כאלו בו ביום באו:

## עניני שמות השבטים

(א) ואלה שמות וגו' ראובן שמעון וגו'. הנה הכתוב פרש כאן שמותם ע"ד המדרש בזכות ארבעה דברים נגאלו אבותינו ממצרים. שלא שנו את שמם ואת לשונם ושהיו גדורין מעריות ולא היו בהם דלטורין ועטמו של דבר הוא כדאיתא

בילקוט פרשה זו שכל שמות השבטים נקראו ע"ש הגאולה. ראובן ראה ראיתי את עני עמי. שמעון ע"ש וישמע אלהים את נאקתם זכן כולם. ולפ"ז אם היו משנים את שמם ולא היה להם רושם על הגאולה לא היו ראוין להגאל אז. שהחליפו את שמותם המורים על הגאולה וקוראים להם שמות חדשים אשר אין בהם הוראה על הגאולה. או היה להם שנוי השם סבה להתיאש מן

## פירוש לתורת אלהים

(א) וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אונ דאס זענען דיא נעמען פון דיא קינדער ישראל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה

## ספר הישר

וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה. די נעמען פון דיא זיבעציג מענטשין וואס זענען געקומען אין מצרים מיט יעקב, זענען געציילט אין די סדרה ויגש, אונ יוסף האט גילעבט אין מצרים דריי אונ נייננציג יאהר, אונ אכטציג יאהר איז ער גיוועזן אין מצרים א גיוועלטיגער אזוי ווי א מלך, איידער יוסף איז גישטארבין הט ער בעשווארין זיינע ברידער אונ אלע קינדער אונ איינקליך פון זיין פאטער ווען זיי וועלין ארויס גיין פון מצרים זאלין זיי מיט נעמען זיינע ביינער אונ זאלין אים בגראבין אין ארץ ישראל, ווען יוסף איז גישטארבין האט מען אים בגראבין ביי דעם ברעג טייך נילוס, נאכדעם האבין די מצרים אנגעהויבין גיוועלטיגען אויף די יודין, אונ דער נייער פרעה האט אנגעהויבין גיוועלטיגען אויף דעם לאנד מצרים, אין איאהר שפעטער נאכדעם ווי יוסף איז גישטארבין, איז צפו דער זוהן פון אליפז עשו'ס זוהן אנטלאפין פון מצרים מיט זיינע מענטשין אונ זענען געקומען אין דעם לאנד אפריקא אין דיא שטאט דנהבה צו אנגיאס דער מלך פון אפריקא, אנגיאס האט די מענטשין גענומען צו זיך מיט גרוים כבוד, אונ וויל צפו האט ביי אנגיאס געפונען חן האט ער אים געמאכט פאר א גענעראל, אמאהל האט צפו אנגירעט דעם מלך אנגיאס ער זאל פארזאמלען זיינע אלע זעלנער אונ זאל גיין צו א מלחמה אויף מצרים אונ אויף די קינדער פון יעקב אונ נעמען פון זייא א נקמה פאר זיינע ברידער, אבער אנגיאס האט ניט גיוואלט גיין צו דיא מלחמה ווייל ער האט געוואסט די שטארקייט פון יעקב'ס קינדער, האט ער מורא געהאט פאר זיי, אין די צייט איז גיוועזן א מענטש אין דעם לאנד כתים אין דיא שטאט פוציכנא זיין נאמען איז גיוועזן עוזו, אונ דיא מענטשין פון כתים האבין אים געהאלטין פאר א גאט, דער מענטש איז גישטארבין אונ האט קיין זיהן געהאט נאר איין טאכטער איר נאמען איז גיוועזן יאניה, זיא איז גיוועזן די שענסטע אונ דיא קליגסטע אין דער גאנצער וועלט, דיא שרים פון אנגיאס האבין דערציילט צו אנגיאס פון איר שיינהייט אונ פון איר חכמה, אנגיאס האט געשיקט צו די כתים זיי זאלין אים געבין די יאניה צו א פרוי, האבין דיא כתים איינגעוויליגט אונ האבין גיגעבין דיא יאניה צו דיא שרים פון אנגיאס זיי זאלין מיט איר גיין צו אנגיאס, ווי די שרים פון אנגיאס זענען ארויס געגאנגען פון לאנד כתים מיט די יאניה, זענען געקומען די שרים פון תורגום דער מלך פון ביבינטו צו דיא כתים זייא זאלין געבין דיא יאניה פאר א ווייב צו דעם מלך תורגום, דיא מענטשין פון כתים האבין גיזאגט צו דיא שרים פון מלך תורגום, איידער איר זענט געקומען האבין מיר גיגעבין דיא יאנית צו דיא שרים פון מלך אנגיאס זיא זאל זיין זיינע א פרוי, איצט קענען מיר ניט אוועק נעמען דיא יאניה פון דיא שרים פון מלך אנגיאס אונ זיא געבין צו אייך ווייל מיר האבין מורא פאר אנגיאס טאמער וועט ער קומען צו אונז אויף א מלחמה אונ ער וועט אונז פארלענדין אונ אייער מלך תורגום וועט אונז ניט קענען רעטטין פון זיין האנט, דיא שרים פון תורגום זענען געגאנגען צוריק צו זייער מלך אונ האבין אים גיזאגט וואס דיא כתים האבין זייא גיזאגט, דיא מענטשין פון כתים האבין געשיקט א בריף צו אנגיאס דו זאלסט וויסען אז דער מלך תורגום האט צו אונז געשיקט זיינע שרים וועגין דיא יאניה האבין מיר אים גיענפערט מיר האבין דיא יאניה שוין דיר גיגעבין, אונ איצט האבין מיר גיהערט אז דער מלך תורגום האט פארזאמלט זיינע אלע זעלנער אונ גייט האלטין מלחמה מיט דיר, אונ ער גייט פריער צו סרדוניא האלטין מלחמה מיט דיין ברודער לוקיש פון דארט וועט ער גיין האלטין מלחמה מיט דיר, ווי אנגיאס האט געלייענט דעם בריף האט ער אויך פארזאמלט זיינע אלע זעלנער אונ איז געגאנגען צו זיין ברודער לוקיש דער מלך פון סרדוניא, ווי ניבליש

**יעקב איש וביתו באו: ב ראובן** | ואנש ביתיה עלו: ב ראובן שמעון לוי

### רשב"ם
ולומר בבואם למצרים לא היו אלא שבעים ואח־ עגלנו . הפסוק מתחיל בוא"ו ומסיים בוא"ו כנגד י"ב שבטים משל לבונה פלטרין בעמוד א' ונפל וחזר ובנה בשני עמודים.

### בעל הטורים
חשבו שמותיכם: ישראל הבאים . ר"ת וס"ת מילה : את יעקב איש . ס"ת שבת לומר לך שבשביל שבת ומילה ששמרו במצרים

### שפתי חכמים
במיתה היה ולהכי כתיב ואלה כלומר אלה שמות בני ישראל כמספר של בחייהם ואלה מספר בשמותיהם לאחר מיתה אבל

### רש"י
ב להודיע חבתן שנמשלו לכוכבים ג שמוציאן ומכניסן

עדיין קשה למה ליה למספר דלאחר מיתה כיון שכבר מנאן בחייהם ועל זה קאמר אע"פ כו וק"ל : ב ולא נקט בשמותם גבי מיתתן דלעיל בחייהם מנאן בשמותם ופרטן אבל גבי מיתתן לא מנאן אלא ראשי השבטים כדכתיב הכא ע' נפש וגו' : ג ולאו

### עניני שמות השבטים
סגאולה ולא היו מבקשים את פני ה' על הגאולה ועל התמורה . וכמו כן אלו היו משנים את לשונם אע"פ שלא היו משנים את שמם מ"מ לא היה שמם מורה על הגאולה . כי דוקא בלשון הקודש מורה ראובן על שם ראה ראיתי את עני עמי ושמעון על שם וישמע אלהים . אבל בלשון אחר אין שם ראובן מורה על ראה ראיתי וכן כולם . ובזכות שהיו גדורין מעריות ע"כ היו לריכין להגאל ממצרים . כי מצרים שטופי זמה המה . ולפי שלא היה בהם לשון הרע שהיה פקוד אגלם ויגאלו איש מאת רעהו וגו' ולא גלו הדבר . ע"כ נגאלו כי אלו לא היה הדבר פקוד לא היו משאילים להם כלום ואז לא היה אפשר לגאלם כדי שלא יאמר אותו צדיק ועבדום וענו אותם קיים בהם ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם לכך נאמר ואלה שמות בני ישראל . כי

### פירוש לתורת אלהים
**נואס זענען געקומען אין מצרים את יעקב מיט יעקב איש וביתו איטליכער מענטש איז געקומען**

### ספר הישר
דער זוהן פון לוקש האט גיהערט אז זיין פעטער אנגיאס קימט צו סרדוניא איז ער געגאנגען גענין אים מיט אגרויסע ארמעיע זעלנער , וויא זייא האבין זיך גיטראפין האט ניבלוש געקושט דעם פעטער אנגיאס , אונ האט גיבעטין ביי אנגיאס ווען דו וועסט קימען צו מיין פאטער אונ מיר וועלין צו נאמען גיין צו דיא מלחמה מיט תורגום , זאלסטו בעטין בייא מיין פאטער ער זאל מיך מאכין פאר אגענעראל אויף דיא גאנצע מחנה זעלנער . אנגיאס איז געקימען צו זיין ברודער לוקש , אונ מען האט פארזאמלט די גאנצע מיליטער פון לוקש , אונ ניבלוש איז גיווארין אגענעראל פון דעם מיליטער , אונ אנגיאס מיט לוקש אונ ניבלוש זענען געגאנגען צו האלטין מלחמה מיט דעם מלך תורגום , וויא זייא זענען געקימען אין דיא שטאט אשמורש איז געקימען גענין זייא דער מלך תורגום מיט זיינע זעלנער , האבין זיי דארטין געמאכט אמלחמה , אונ דיא מלחמה איז גיווען זייער שטארק , אונ ניבלוש דער זוהן פון לוקש מיט זיינע זעלנער זענען געהרגת גיווארין אין די מלחמה , אנגיאס האט ווייטער געהאלטין מלחמה מיט תורגום אונ אנגיאס האט געהרגת דעם מלך תורגום אונ האט געהרגת זייער פיל פון זיינע זעלנער , וויא דיא זעלנער פון תורגום האבין גיזעהן אז זייער מלך איז געהרגת גיווארין , אונ פיל זעלנער פון זייא זענען אויך געהרגת גיווארין , זענען די איבעריגע זעלנער אנטלאפין אונ אנגיאס מיט לוקש האבין זייא געיאגט אונ האבין זיי פארהאלטין דעם וועג אונ האבין געהרגת אלע זעלנער פון תורגום . אונ לוקש האט גיבאטין זיינע קנעכט זייא זאלין מאכין אקופערנעם קאסטין אונ זאלין אריין לייגין זיין זוהן ניבלוש אין דעם קאסטין אונ זאליז אים דארטין בגראבין אויף דעם קבר פון ניבלוש האט מען גישטעלט אגרויסין טארעם , דער טארעם הייסט ניבלוש , אונ ניט ווייט פון ניבלוש האט מען בגראבין דעם מלך תורגום , נאכדעם וויא מען האט בגראבין דעם ניבלוש איז לוקש מיט זיין מחנה געצויגין צוריק אין זיין לאנד סרדוניא אונ אנגיאס מיט זיינע זעלנער האבין געצויגין צו דיא שטאט ביבינטו אין דיא שטאט ווא דער מלך תורגום האט געקיניגט , וויא דיא מענטשין פון ביבינטו האבין גיהערט אז דער מלך אנגיאס קימט , זענען דיא מענטשין פון שטאט געקומען צו אנגיאס אונ האבין געווייגט פאר אים אונ האבין אים גיבעטין ער זאל זייא לאזין לעבין אונ זאל ניט ווייסט מאכין דיא שטאט , האט אנגיאס אזוי גיטאהן וויא זייא האבין אים גיבעטין , ווייל דאמאלס האט דיא שטאט ביבינטו זיך גערעכינט צום לאנד כתים , אונ פון די צייט אונ ווייטער פלעגין שטענדיג קומען די מעטשין פון אפריקא צו די כתים אונ צפו דער גענעראל פון אנגיאס פלעגט אויך זיין מיט זייא אונ זייא פלעגין רויבין בייא די כתים זייער פארמעגין , נאך דיא גאנצע מלחמה איז אנגיאס מיט זיין מיליטער געקומען צוריק אין זיין שטאט פוצימנא , אונ אנגיאס האט חתונה געהאט מיט דיא יאניה , אונ ער איז געקומען מיט איר אין אפריקא , אין דיא זעלבינע צייט האט פרעה דער מלך פון מצרים גיבאטין צו זיין פאלק מען זאל באהעז אין מצרים אשטארקין פאלאץ , אונ ער האט גיבאטין צו די קינדער פון יעקב זייא זאלין העלפין באהעז , דיא מצרים האבין אזוי גיטאהן אונ האבין אויפגיבאהט אשיינעם פאלאץ אשטארקין , אונ פרעה האט געוואהנט אין דעם פאלאץ אונ איז גיזעסין זיכער מיט זיין מלוכה , אין דעם יאהר איז גישטארבין זבולן דער זוהן פון יעקב , ער איז אלט גיוועז הונדערט מיט פערצעהן יאהר , נאכדעם איז גישטארבין שמעון , ער איז אלט גיוועז הונדערט מיט צוואנציג יאהר , אונ ביז די צייט האט אליך צפו אנגירעט דעם מלך אנגיאס ער זאל גיין אין מצרים מאכין אמלחמה מיט דיא קינדער פון יעקב , אונ אנגיאס האט ניט גיוואלט גיין ווייל ער האט גיהערט זאגין אז דיא קינדער פון יעקב זענען גרויסע גבורים , האט ער מורא געהאט פאר זייא , אמאהל האט צפו שטארק גיבעטין דעם מלך וועגין דיא מלחמה ביז דער מלך האט איינגעוויליגט , אונ מען האט פארזאמלט זעלנער אזוי פיל וויא זאמד אונ מען האט זיך פארגעברייט צו גיין צו דיא מלחמה , בייא אנגיאס צווישען זיינע קנעכט איז גיוועז איונגער מענטש אלט פופצעהן יאהר , זיין נאמען איז גיוועז בלעם בן בעור , דער בלעם איז גיוועז זייער קלוג אין די חכמת פון כישוף , דער מלך אנגיאס האט גיזאגט צו בלעם זעה נאר מיט דיינע כישוף ווער וועט איין נעמען די מלחמה , האט בלעם גיזאגט מען זאל אים געבין עטליכע פינט

(תומ"ש ע"ט) (ח"ב)

ויהודה: ג יששכר זבולן ובנימין: ד דן ונפתלי גד ואשר: ה והוה כל נפשתא נפקי ירכא דיעקב שבעין נפשן

שמעון לוי ויהודה: ג יששכר זבולן ובנימן: ד דן ונפתלי גד ואשר: ה ויהי כל־נפש יצאי ירך־יעקב שבעים

### בעל הטורים

מי' עמודים ונפל מה עשה כנגדו כי"ב עמודים ועמד כך
אכנגדם ויצחק ילא מהם פסולת עד י"ב שבטים שלא היה בהם
פסולת וזהו ווי העמודים שהם עמודי העולם:

### רשב"ם

כות דור ההוא כרו וישרצו ויקם מלך חדש ונתחכם

### רש"י

כמספר ובשמותם שנא' (ישעיה מ) המוציא במספר צבאם

### שפתי חכמים

להקצות מה היא החיבה שהמשיל אותם לכוכבים י"ל כתו

### דעת זקנים מבעלי התוספות

(ה) ויהי כל נפש. פי' עם יוסף שהיה במצרים היו שבעים ואז לא יצטרך למנות יוכבד שנולדה בין החומות מהר"ר שלמה בן פרחון ז"ל לכך מנאן עכשיו אע"פ שמנאן

### עניני שמות השבטים

אע"פ שמת יוסף והיה השעבוד קרוב לבא מ"מ רושם הגאולה נשאר קיים כי אלו שמותם עמהם כאלו לשעבר ועמהם השמות הבאים גם עכשיו כי לא נשתנו שמותם. וזה ראיה כי גם לגוג לא שנו דהל"כ אין נפקותא במה שלא שנו שמותם. איש וביתו כאו שהיו גדורים מעריות כי כל אחד דבק באשתו ולא באחרת. ועוד שנשאו להם נשים קודם שבאו מצרימה כדי שלא ישאו להם נשים מצריות שטופי זמה. ואח"כ פרט ראובן שמעון כו' כי אלו השמות מורים על הגאולה. ויהי כל נפש קרא לשבעים נפשות נפש אחד לרמוז שהיה שלום ביניהם מתוך שלא היה בהם לשון הרע והטורין כאיש אחד שלכא לפומא לא גליא כך היה הדבר פקוד אלא כל י"ב חדש ואולי בנס מנינם זה נאמר יוצאי ירך יעקב לומר לך מה ירך בסתר אף אלא היה הדבר בסתר ועוד נוכל לומר ואלה שמות וגו'. הדקדוקים בפסוקים אלה רבו מאד אך נזכיר קצתם. א) אחרי אשר כבר נזכר כל זה למעלה בפרשה ויגש ביותר אריכות למה שנה שמותם פה בתחלת הספר. ב) אמרו הבאים מצרימה את יעקב ולעיל לא אמר את יעקב. ג) איש וביתו באו הוא שפת יתר ולמעלה לא נזכר. ד) ויוסף היה במצרים ידוע הקושיא. ה) בפסוק ובני ישראל באו דברים כפולים ומכופלים בכמה מינים. ואיך באה בין הדקים מלת וישרצו בין פרו ובין וירבו. אשר תמיד הוסמו יחד

### פירוש להורת אלהים

מיט זיין הויז געזונד: (ב) ראובן שמעון לוי ויהודה: (ג) יששכר זבולן ובנימין: (ד) דן ונפתלי גד ואשר: (ה) ויהי אונ עס איז געוועזן כל נפש אלע מענטשין יוצאי וואס זענען געבארין געווארין פון יעקב

### ספר הישר

וואקס, מען האט אים גיגעבין די וואקס, אונ בדעם האט געמאכט פון דעם וואקס רייטוועגין אונ רייטער אונ זעלנער ווי די זעלנער פון אנגיאס, אונ ער האט געמאכט רייטוועגין אונ רייטער אונ זעלנער ווי די זעלנער פון מצרים, אונ ער האט אלע רייטוועגין אונ רייטער אונ מיליטער געמאכט שווימען אויף דעם וואסער אונ ער האט געמאכט מיט כישוף זיי זאלין אלע האלטין מלחמה, האט מען גיזעהן וויא די מיליטער פון אנגיאס פאלין פאר דיא מיליטער פון מצרים אונ פאר דיא קינדער פון יעקב, בלעם האט דאס גיזאגט צו אנגיאס האט אנגיאס שוין ניט גיוואלט גיין מלחמה האלטין מיט מצרים, וויא צפו האט גיזעהן אז אנגיאס וועט שוין, געוויס ניט גיין מלחמה האלטין מיט מצרים, איז צפו אנטלאפין פון אנגיאס אונ איז געקומען צו דיא כתים, דיא כתים האבין אויפגענומען דעם צפו מיט גרויס כבוד אונ האבין אים געדונגען ער זאל זיין זייער גענעראל אונ ער זאל פון זייערטוועגין פירען זייערע מלחמות, אין דער צייט איז צפו רייך גיווארין פון דיא כתים, אונ דיא מענטשין פון אפריקא פלעגין נאך קומען צו דיא כתים אונ פלעגין רויבין זייער פארמעגין, אונ דיא כתים האבין זיך פארזאמעלט צום בארג קופטיצאה ווייל זייא האבין מורא געהאט פאר דיא אפריקאנער, אמאהל האט גיטראפין בייא צפו איז פארלארין גיווארין אאקס איז צפו אים געגאנגען זוכען האט ער גיהערט דעם געשרייא פון אקס אונ דיא שטומע גייט פון אונטער דעם בארג, וויא צפו איז געקומען אונטער דעם בארג, האט ער גיזעהן אונטער דעם בארג גייט אראפ אגרויסער קעלער, אונ בייא דיא טיר פון קעלער ליגט אגרויסער שטיין, האט צפו צוהאקט דעם שטיין אונ איז אריין געקומען אין קעלער האט ער גיזעהן אין קעלער שטייט אגרויסע חיה אונ זיא עסט דעם אקס, האט צפו געהרגעט דיא חיה מיט זיין שווערד, וויא דיא כתים האבין גיהערט אז צפו האט געהרגעט דיא חיה איז בייא זיי גיוועזן אגרויסע שמחה אונ זייא האבין גיזאגט וואס פאר אטובה האבין מיר צו טאהן דעם מענטש וואס האט געהרגעט דיא חיה וואס זיא האט פארלענדט אונזערע בהמות דיא כתים האבין זיך פארזאמעלט אויף אעצה, איז געבליבען ביי זיי אלע יאהר זאל זיין דער טאג איום טוב. דער נאמען פון דעם יום טוב זאל זיין צפו, אונ אלע כתים פלעגין דעם טאג געבין מתנות צו צפו, אין דיא צייט איז דיא מלכת יאניה דאס ווייב פון מלך אנגיאס קראנק גיווארין, אנגיאס האט גיפרעגט בייא זיינע גרעסטע דאקטוירים וואס מען טוהט צו איר קראנקייט זיא זאל געזונד ווערין, האבין דיא דאקטוירים גיזאגט ווייל דיא וואסער אונ דער לופט פון אונזער לאנד איז ניט גלייך צו דיא וואסער אונ דער לופט פון דיא כתים, קען ניט דיא מלכה פארטראגין אונזער לופט אונ ניט אונזערע וואסער דריבער איז זיא קראנק, אונ ווען דיא מלכה איז גיוועזן בייא דיא כתים פלעגט זיא נאר טרינקען דיא וואסער וואס מען האט געבריינגט פון פורמא אונ דיא וואסער איז געצויגין גיווארין דורך רערין אויף בריקען וואס אירע אלטערין האבין דאס געמאכט פון אירעטוועגין, אנגיאס האט גיבאטין זיינע קנעכט זייא זאלין ברייענגען וואסער פון פורמא, מען האט געוואגין דיא וואסער פון פורמא געגין דיא וואסער פון אפריקא. זענען דיא וואסער פון פורמא פיל גרינגער גיוועזן פון דיא וואסער פון אפריקא, וויא אנגיאס האט דאס גיזעהן האט ער גיבאטין זיינע שרים מען זאל פארזאמלען דיא אלע מענטשין וואס האקין שטיינער אונ מען האט אנגעהאקט שטיינער זייער פיל גאר אן אצאהל, אונ פון די שטיינער האט מען גיבאהט אשטארקין בריק אונ אויף דעם בריק האט מען געצויגין

נפש ויוסף היה במצרים: ו וימת יוסף
ויוסף דהוה במצרים: ומית יוסף וכל

## שפתי חכמים

בהכוכבים קיימין ומאירים ביום ובלילה אך ביום אינם נראים מפני שרגא בטיהרא מאי אהני כך הם ישראל קיימין בעוה"ז ובעוה"ב וק"ל: ד (רא"ם) שמלת ובשמותם לא קאי אלא על מנת ומכניסין אבל בהוצאה דוקא במספר ולא בשמותם כמו שכ' בקרא המוציא במספר צבאם לכולם בשם יקרא גבי הוצאה כתיב מספר ובהכנסה כתיב בשם: ה וא"כ למה לא הוזכר שמו של יוסף בכללם כלומר קודם כך של יוצאי ירך יעקב: ו את"ל דרא"בונה אינו קושיא דצריך למכתב יוסף משום שהיה במצרים מכל מקום קשה וכי לא היינו יודעים כו': (נח"י) הרא"ם האריך במקום שה"ל לקצר דהרב ס"ל דחוזר למעלה על הא דקאמר ויוסף ר"ל עם יוסף היו ע' וכן הוא בשמ"ר וע"ז מקשה והנא

## רש"י

ד לכולם בשם יקרא (שמ"ר): (ה) ויוסף היה במצרים. והלא הוא ובניו היו בכלל שבעים ה ומה בא ללמדנו וכי לא היינו יודעים ו שהוא היה במצרים

## עניני שמות השבטים

בהרדפה פריה ורביה. פרו ורבו. ומה טעם כוו ההסרנה. גם ב במאד כבדה והראוי לומר מאד מאד. על כל אלה יראה נע"ד כי כוונה התורה קודם שתספר גלות מצרים ושעבוד ישראל. להודיע ולפרסם סבת גלותם וכי עונותיהם הטו אלה. כי הדור ההוא הגולים והמשועבדים שחתו את דרכם ולא הלכו בדרכי הדורות הקודמים להם. כי הנה מתחלה היו שלמים כולם כאחד אנשים ונשים וטף דומים אל הדור אשר ממנו חוצבו וסרים אל משמעתו. הלא תראה אלה שמות בני ישראל. הסתכל בשמותם במורים על שלמותם כבואם מצרים. אשר באמת את יעקב עמו ועם שלמותו כאו. כולם דומים אליו. איש וביתו לא מיבעיא

## דעת זקנים מבעלי התוספות

בחייהן לפי שהיה ר"ל אחר כן וירבו ויעצמו להודיע לך שארבעים [ששבעים] נפש לבד עצמו ורבו עד שש מאות אלף רגלי:

## פירוש להורת אלהים

שבעים נפש זענען זייא גיוועזן זיבעציג מענטשן ויוסף היה במצרים מיט יוסף וואס ער איז גיוועזן פון פריער אין מצרים. רש"י פרעגט וואס דאף שטיין אין פסוק ויוסף היה במצרים. ווייסין מיר דען ניט אז יוסף איז גיוועזן אין מצרים איז דער תירוץ דער פסוק איז מודיע דאס צדקות פון יוסף דער יוסף וואס ער האט גיפאשיט זיין פאטערס שאף דער אייגענער איז דער נאך גיוועזן א מלך אין מצרים אונ איז געבליבען ביי זיין צדקות: (ו) וימת

## ספר הישר

אקוואל וואסער פון לאנד כתים ביז אין אפריקא, אונ די וואסער איז נאר גיוועזן פאר דיא מלכה, צום טרינקען צום קאכין צום באקין אונ צו אלע זאכין וואס מען האט גענדארפט פון אירעטוועגין, אפילו דיא תבואה אונ דיא גערטנער וואס האבין געוואקסין פון אירעטוועגין האט מען בעגאסין מיט די וואסער פון כתים, אפילו ערד האט מען געברייגגט פון כתים מיט שיפען אונ שטיינער צום באהען האט מען געברייגגט פון כתים אונ מען האט אויפגעמאהערט פאלאצין פאר דיא מלכה יניה, אונ זיא האט אין זייא געוואהנט אונ זיא איז געזונד גיווארין, רעם אנדערין יאהר זענען נאך אמאהל געקומען מענטשין פון אפריקא אין כתים צו רויבין ביא זייא איז צפו ארויס־געגאנגען אויף זיי צו א מלחמה זענען זייא אנטלאפין פאר אים, וויא דיא כתים האבין גיזעהן דיא אנדערע טובה וואס צפו האט מיט זייא גיטאהן, האבין זייא געמאכט צפו פאר א מלך אויף זייער לאנד, נאכדעם איז צפו מיט דיא כתים געגאנגען האלטין א מלחמה מיט תובל אונ מיט דיא אינזלען, אונ צפו מיט דיא כתים האבין איין גענומען דיא מלחמה, וויא זייא זענען געקומען צוריק פון דיא מלחמה, האבין דיא כתים גיבאהט א גרויסין פאלאץ פאר צפו, אונ זייא האבין געמאכט פון זייעטוועגין א טייערע קעניגליכע שטוהל אונ צפו איז גיווארין א מלך אויף דעם גאנצין לאנד כתים אונ אויף דעם לאנד איטאליה, פופציג יאהר איז ער גיוועזן א מלך, אין דעם יאהר איז גישטארבין ראובן דער זוהן פון יעקב, ראובן האט גילעבט הונדערט פינף אונ צוואנציג יאהר, נאכדעם איז גישטארבין דן, ער האט גילעבט הונדערט פיר אונ צוואנציג יאהר, אין דעם יאהר איז גישטארבין חושם דער מלך פון אדום, נאך חושם איז גיווארין א מלך הדד בן בדד אונ ער האט געקיניגט פינף אונ דרייסיג יאהר, נאכדעם איז גישטארבין יששכר דער זוהן פון יעקב, ער האט גילעבט הונדערט צוויא אונ צוואנציג יאהר, נאכדעם איז גישטארבין זיין ברודער אשר. ער האט גילעבט הונדערט דרייא אונ צוואנציג יאהר, נאכדעם איז גישטארבין גד, ער האט גילעבט הונדערט פינף אונ צוואנציג יאהר, ווען הדד איז גיווארין א מלך האט ער צו זאמען גענומען זיינע זעלנער פיר מאהל הונדערט טויזענד מענטשין אונ איז געגאנגען האלטין מלחמה מיט מואב, וויא מואב האט גיהערט אז הדד גייט אויף זייא צו א מלחמה, האבין זייא געשיקט צו מדין ער זאל זיי קומען העלפין האלטין מלחמה מיט הדד, מואב אונ מדין זענען ארויס געגאנגען געגין הדד צו די מלחמה, ביי די ערשטע מלחמה איז גיפאלין פון מואב אונ מדין צוויי טויזענד מענטשין, ווי מואב האט גיזעהן אז די מלחמה איז שווער פאר אים, זענען זיי אנטלאפין, אונ מדין אליין זענען געבליבען ביי די מלחמה. אונ אלע מדינים וואס זענען געקומען העלפין מואב זענען געהרגת גיווארין אין די מלחמה. אונ מואב זענען גיווארין אונטער די האנט פון הדד אונ אלע יאהר האט מואב געמוזט געבין א גרויסע סומא געלט צו הדד, אין אצייט פון א יאהר האבין גיהערט די מדינים וואס זענען געבליבען אין לאנד, וואס מואב האט זיי גיטאהן, זיי זענען אין דערשטיל אנטלאפין פון דיא מלחמה אונ האבין גילאזין די מדינים אליין מלחמה האלטין מיט הדד, אונ דריבער זענען זיי גיפאלין אין די מלחמה, האבין די מדינים פארזאמלט זייער געבליבענע מענטשין אונ אלע זייערע ברידער דיא קינדער פון קטורה האבין זיך פארזאמלט צו מדין, מען זאל זייא העלפין האלטין מלחמה מיט מואב וויא מואב האט גיהערט אז אזוי א גרויסע מחנה האבין זיך פארזאמלט מיט זייא האלטין מלחמה, האבין זייא געשיקט א בריף צו הדד אונ האבין אים גיבעטין ער זאל זייא קומען העלפין פון די מלחמה, איז הדד געקומען מיט זיינע אלע זעלנער צו דיא מלחמה, אונ דיא מלחמה איז גיוועזן זייער שטארק, אונ הדד האט געהרגת אלע זעלנער פון מדין אונ אלע זעלנער פון קטורה'ס קינדער, אונ מואב איז גירעטעט גיווארין פון דיא מדינים, אונ דיא אלע זעלנער וואס זענען אנטלאפין פון דיא מלחמה, האט הדד זייא

יוסף וכל אחיו וכל הדור ההוא:
ז ובני ישראל פרו וישרצו וירבו

אחוהי וכל דרא ההוא:
ז ובני ישראל נפישו ואתילדו וסגיאו ותקיפו

### בעל הטורים

(ז) פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד. ו' לשונות הן כנגד ששה ילדו ברחם. שבכל מקום קטנים קרוין שרץ על הארץ:

### רשב"ם

עליהם למעטם ולא הועיל לו: (ו) וכל הדור ההוא. שבעים נפש: (ז) פרו. בהריון: וישרצו. בלידה. שלא ~~יבלו~~ וירבו. גדלו ונעשו הקטנים גדולים ולא מתו בקטנותם:

### רש"י

אלא להודיעך צדקתו של יוסף. הוא יוסף הרועה את צאן אביו. הוא יוסף שהיה במצרים ונעשה מלך ועומד בצדקו: (ז) וישרצו. שהיו יולדות ששה בכרס אחד:

### שפתי חכמים

וכו' ולמה אמר יוסף לחוד בשמות שאר השבטים נכללו במאמר איש וביתו אבל יוסף לא נכלל בזה וא"כ כשם שהזכיר יוסף הל"ל גם את בניו ואם תפרש שאינו חוזר אדלעיל ולא צריך להזכיר יוסף ובניו שהם בכלל שבעים נפש אלא להורות שיוסף היה במצרים ע"ז קשה מה בא ללמדנו: ז ר"ל דהא שמא מתוך שהיה שפל ועני כ"כ שמא עשה עבירה כי העוני מעביר דעתו של אדם או מתוך שהיה מלך שמא עבר עבירה כיון דהיא חשוב כל כך ולפי שהמנין בכאן הוא אחר מיתתן מ"ה הודיע צדקתו במנין הזה משום דאמרו רז"ל אל תאמין בעצמך עד יום מותך: ח (נח"י) הרא"ם כ' דאיתא בש"ר דמפיק לה משמה לשונות ול"נ דאתי כמ"ד בילקוט לגדול שבשרצים אתה נדמה אותן דהא

### דעת זקנים מבעלי התוספות

(ז) ובני ישראל וכו' מלמד שהיו יולדות ששה בכרס אחד ורמז מדכתיב ו' לישני פריה ורביה פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד. ד"א כי פרו וישרצו עולה בגי' ששה בכרס אחד פחות שנים וה"נ במאד מאד משלימית החשבון. ד"א פרו שהן עושין פירות וישרצו כשרצים ששה בכרס אחד וא"ת שמתים לכך נאמר וירבו וא"ת חלשים היו לכך נאמר ויעצמו במאד מאד ולכך כתיבי כל הני לישני יתירי:

### עניני שמות השבטים

האנשים אלא גם ביתו אלו הנשים וכל הטף. היו שומעים דבריו ונגררים אחו ולומדים ממעשיו. וגם אחרי כן שמת הזקן יעקב אבינו ע"ה לא סרו משלמותם. יען ויוסף היה במצרים. כי נשאר יוסף ע"ה במצרים והיה מספיק בטוב טעמו להנהיגם ולהדריכם אל השלמות הצריך להם. אמנם אחרי מות יוסף וכל הדור ההוא יראי ה' יחושבי שמו אז קם דור אחר אשר לא שמרו חק השלמות הראוי להם והרעו מעשיהם ונתקלקלו בשלשת המדות המגונות האלה המוציאים את האדם מן העולם. וזה כי בני ישראל פרו וישרצו. כאשר באו לכלל פריה. לא היתה פעולתם אל התכלית המכוון בבריאה לקיום המין ואל הפריה עצמה. אלא היו כשרצים ובפחותי הב"ח אשר אין מגמתם רק מלוי התאות והרצון המשולח מבלי פניה אל ההולדה. גם נלכדו ברשת הכבוד והגדולה וזהו וירבו שבקשו רבו יתרה ונתגדלו על אלתם בגאוה ובוז ועוד נתוסף עליהם שמל הקנאה בחמדת הממון בלא לשבעה כי נתעצמו במאד מאד. הממון נקרא מאד. כאומר ובכל מאדך ודרשו חז"ל בכל ממונך ונקרא הממון מאד להיותו מותר ותוספת מאדיי על מה שהאדם מוכרח לשלמותו. ואמר כי בני ישראל נתעצמו בענין המאד שהיו להוטים בו ורודפים אחריו מאד חוץ מהגבלת השיעור הצריך. ונמצאו א"כ שקועים בג' גופי עבירות אלו וגרם זה שהמשפט האלהי עשה את שלו וגזר עליהם השעבוד תיכף לזה עד שקם מלך חדש והביא עליהם ג' דברים לעונש מכוונים כנגד מדותיהם הרעות. תחלה שמו עליהם שרי מסים למען ענותו. אחר שהם היו כל כך אדוקים בממון ומתיגעים להעשיר. יהיה פורעים מס ויתחסר ממונם למען ענותו. ר"ל למען יהיו עניים מרודים ודלים ויחסרו כל טוב. ולאשר היו מעדנים גופם בתאות גופניות ובתפנוקי הנשמות. ע"כ העבידום עבודה קשה בחומר ובלבנים. ולהשפיל גאון לבם ובקשתם הגררה והכבוד עשאום לעבדים נבזים ושפלים משועבדים לנוגשים פחותים וירודים. באופן שהיתה גזרת הגלות מדודקת על קו המשפט הישר על פשעיהם ועל חטאתם. והשודעה בברית בין הבתרים היתה ביתר ידיעותיו ית' העתידים. כמאמר המגיד מראשית אחרית:

## פירוש להורת אלהים

יוסף יוסף איז געשטארבען וכל אחיו און אלע זיינע ברידער וכל און דאס גאנצע דור איז געשטארבען: (ז) ובני און די קינדער פון ישראל פרו האבען זיך געפרוכבערט וישרצו און האבען זיך געווידמענט. [רש"י שרייבט זיי האבען געבארין זעקס קינדער מיט איין מאהל] וירבו און זיי האבען זיך געמערט

## ספר הישר

געיאגט און האט פון זייא געהרגת אין וועג זייער פיל, עס איז פון זייא גאר ווייניג געבליבען, פון דיא צייט און ווייטער איז געוואהרין אגרויסע פיינדשאפט צווישען מואב און מדין, ווען איינער פון מדין פלעגט קומען אין מואב, האבין מואב אים געהרגת, און ווען איינער פון מואב פלעגט קומען אין מדין האבין דיא מדינים אים געהרגת, און דיא פיינדשאפט האט זיך געצויגין אלאנגע צייט, אין דיא צייט איז געשטארבין יהודה דער זוהן פון יעקב, יהודה האט געלעבט הונדערט ניין און צוואנציג יאהר, און נפתלי האט געלעבט הונדערט צוויי און דרייסיג יאהר און איז געשטארבין:

אין דעם דרייצעהנטין יאהר ווי צפו איז געוועזן אמלך אויף די כתים, זענען געקומען די אפריקאנער צו די כתים און האבין געוואלט רויבין פון זייא [שוין דרייצעהן יאהר זענען דיא אפריקאנער ניט געוועזן בייא דיא כתים, און איצט זענען זייא געקומען] איז צפו מיט זיינע מענטשין ארויס געגאנגען צו דיא אפריקאנער און עס איז געווארין צווישען זייא אגרויסע מלחמה און צפו מיט זיינע מענטשין האבין געהרגת פון דיא אפריקאנער זייער פיל, און צפו האט געיאגט דיא אנטלאפענע און האט זייא געשלאגין און געהרגת ביז צו די גרענעץ פון אפריקא, און אנגיאס האט געהערט וואס צפו האט געטאהן צו זיינע מענטשין האט אנגיאס מורא געהאט פאר צפו און איז ניט געגאנגען צו אים אויף אמלחמה, אין דיא צייט איז געשטארבין לוי דער זוהן פון יעקב, ער האט געלעבט הונדערט זיבען און דרייסיג יאהר, נאכדעם וויא לוי איז געשטארבין און דיא מצרים האבין געזעהן אז אלע קינדער פון יעקב זענען שוין געשטארבין, האבין דיא מצריים אנגעהויבין פייניגען דיא יודין און פארביטערין זייער לעבין און זייא האבין אוועק גענומען פון דיא יודין דיא וויינגערטנער און דיא פעלדער און דיא הייזער וואס יוסף האט זייא געגעבין, און דיא יוסף האט געגעבין זיינע ברידער האבין דיא מצריים דאס צוריק גענומען פון זייערע קינדער, און דיא יודין האבין פארמיאוסט זייער לעבין ווייל עס איז זייא שלעכט געוועזן איבער דיא מצריים, ווייל דיא מצריים האבין זייא אלע נאך שטארקער געפייניגט:

## וַיַּעַצְמוּ בִּמְאֹד מְאֹד וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ אֹתָם: פ ח וַיָּקָם מֶלֶךְ־חָדָשׁ עַל־

**אונקלוס:** לַחֲדָא לַחֲדָא וְאִתְמְלִיאַת אַרְעָא מִנְּהוֹן: ח וְקָם מַלְכָּא חַדְתָּא עַל מִצְרַיִם

תו"א ויקם מלך עירובין נג סוטה יא

### רשב"ם

ויעצמו. שלא מתו אנשים. אלא היו הרבה ועצמו במאד מאד עד שנתמלאה הארץ אותם. וכן והחצר מלאה את נתח כבוד ה'. כמו מילאה. וכן ושוליו מלאים את ההיכל כמו ממלאים את ההיכל:

### שפתי חכמים

שכבר ילדה ששה ונראין דברי מדרש להרב במלת וישרצו שמשמע דמגלת וישרצו לחוד הוא דמפיק לה והיינו מדהפסיק בכתוב במלת וישרצו בין פרו ובין וירבו שלא כמנהג אלא ודאי להכי הפסיק כי פרו פירושו אחד מוליד אחד ורבו משמע אחד מוליד הרבה וכמו שפי' הרב בפ' בראשית ולכך הפסיק במלת וישרצו להודיעך שסך הרבייה היתה כגדול שבשרצים (וע' בג"ש

### רש"י

(ח) ויקם מלך חדש. רב ושמואל. חד אמר חדש

### קימת מלך חדש

(ח) ויקם מלך חדש על מצרים וגו'. לשון קימה א' מלינו במלך. והל"ל וימלוך מלך על מצרים. מהו ויקם. ונראה לפי שלשון קימה שייך בבני אדם על רעהו להרע לו כמ"ש ויקם קין אל הבל אחיו ויהרגהו וכתיב כי כאשר יקום איש על רעהו ורצחו נפש. כן היה מלך ערוץ זה ע"י התחבולות אשר חשב לעשות לישראל נגד רצון האל יתברך אע"פ שראה כי ה' עמהם כמה שהיו פרים ורבים שלא כדרך העולם מ"מ רצה להתחכם לו יתברך. ועי"ז גרם שהשיב ה' עמלו בראשו ע"י המכות עברה וזעם וצרה אשר שלח ה' בהם כמ"ש הטרם תדע כי אבדה מצרים ועל כלם טביעת הים ונתוך זה דומה כאלו הוא קם

### דעת זקנים מבעלי התוספות

(ח) ויקם מלך. היא פרעה הראשון. אמרו לו בא ונזדוג על אומה זו אמר להם עד עתה אנו חיין משלהם היאך נזדווג להם ולא שמע אליהם הורידוהו מכסאו שלשה חדשים כיון שראה כך אמר להם אשמע לכם לכך כתיב ויקם. אשר לא ידע את יוסף. אמר רבי יהודה בן לוי משל למי שרגם איקונין של מלך נטלוהו והתירוהו למחר רגם את המלך עצמו כך פרעה בתחלה אמר אשר לא ידע את יוסף ולבסוף אמר לא ידעתי את ה'. הבה נתחכמה לו. הב"ה בגימטריא י"ב נתחכמה לי"ב שבטים. ופרש"י נתחכם למושיען של ישראל וכו' והם טעו כי לא נשבע אלא שלא יביא מים על האומות אבל שלא יבואו האומות במים לא נשבע ואמרו חז"ל שלשה היו באותה עצה בלעם ואיוב ויתרו בלעם שיעץ נהרג איוב ששתק נדון בייסוריו יתרו שברח זכו בניו לישב בלשכת הגזית ובלעם דהוה בעצה דהבה נתחכמה קשה מהא דאמרינן בפ' חלק בר תלתין ותלת שנין הוה בלעם תגירא כדקטל יתיה פנחס ליסטאה משום דכתיב אנשי דמים ומרמה לא יחצו ימיהם

### לקוטים על התורה

(ח) וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ וגו'. דער מדרש תנחומא שרייבט דאס איז ניט געוועזן א נייער מלך, נאר דיא מצריים האבין געזאגט צו פרעה מיר ווילען אונז נעמען צו דיא יודין זייא שלעכטס טאהן, האט פרעה געזאגט צו די מצריים ביז איצט האבין מיר געלעבט דורך דיא יודין [וואס יוסף האט געמאכט דיא מצריים זאלין ניט שטארבין פון הונגער] איצט ווילט איר שלעכטס טאהן דיא יודין, וויא פרעה האט זייא ניט געוואלט פאלגין, האבין זייא אים אראפגענידערט פון זיין מלוכה, דרייא חדשים איז פרעה קיין מלך געוועזן, אז פרעה האט צו־געזאגט דיא מצריים צו טאהן אלץ וואס זייא ווילען, האבין זייא אים צוריק געמאכט פאר א מלך, און ער איז איצט געווארין ביי זיי וויא א נייער מלך, דריבער זאגט דער פסוק וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ. עס איז אויפגעשטאנען א נייער מלך, פריער איז ער געוועזן גוט צו יודין, איצט איז ער צו זייא שלעכט געווארין, אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף. דאס מיינט מען ער האט שוין איצט ניט געוואלט וויסען פון יוסף:

### פירוש לתורת אלהים

וַיַּעַצְמוּ און זיי האבין זיך זייער געשטארקט וַתִּמָּלֵא און דאס גאנצע לאנד מצרים איז פוהל געווארין מיט זייא: (ח) וַיָּקָם און עס איז אויף געשטאנען א נייער מלך אויף מצרים. [אונזערע חכמים קריגען רב זאגט ער איז געוועזן באמת א נייער מלך און שמואל זאגט ער איז געוועזן דער מלך פון פריער נאר ווייל ער האט געמאכט נייע

### ספר הישר

למשפט׃ ג ותשלח ותקרא לברק בן־אבינעם
מקדש נפתלי ותאמר אליו הלא־צוה | יהוה
אלהי־ישראל לך ומשכת בהר תבור ולקחת
עמך עשרת אלפים איש מבני נפתלי ומבני
זבלון׃ ד ומשכתי אליך אל־נחל קישון את־
סיסרא שר־צבא יבין ואת־רכבו ואת־המונו
ונתתיהו בידך׃ ה ויאמר אליה ברק אם־תלכי
עמי והלכתי ואם־לא תלכי עמי לא אלך׃
ו ותאמר הלך אלך עמך אפס כי לא תהיה
תפארתך על־הדרך אשר־אתה הולך כי ביד
אשה ימכר יהוה את־סיסרא ותקם דבורה ותלך
עם־ברק קדשה׃ ז ויזעק ברק את־זבולן ואת־
נפתלי קדשה ויעל ברגליו עשרת אלפי איש
ותעל עמו דבורה׃ ח וחבר הקיני נפרד מקין
מבני חבב חתן משה ויט אהלו עד־אלון בצענים
אשר את־קדש׃ ט ויגדו לסיסרא כי עלה ברק
בן־אבינעם הר־תבור׃ י ויזעק סיסרא את־כל־
רכבו תשע מאות רכב ברזל ואת־כל־העם
אשר אתו מחרשת הגוים אל־נחל קישון׃

טרייזענים קרי

## שירת דבורה

אנכי לה' אנכי אשירה אזמר לה' אלהי ישראל. צו פארשטיין די ווערטער וואס דבורה האט געזאגט, וועלין מיר זעהן למשל א מלך וואס געוועלטיגט אויף פיל גרויסע מדינות, עס זאל איינער קומען אים לויבין אונ זאגין אויף אים ער געוועלטיגט אויף די מדינה, וואס מען ווייס אז זיא איז א קליינע מדינה, איז דאס ניט א לויב, נאר א שאנדע פאר דעם מלך, גאט וואס ער איז א מלך אויף דיא גאנצע וועלט אונ אויף אלע הימלען. פון דעסטוועגין זאגט ער אויף זיך איך בין דער גאט פון די יודין, ווייל די יודין זענען ביא גאט טייער וויא די גאנצע וועלט, אזוי האט געזאגט דבורה ווען זיא האט געזונגען פאר גאט, אנכי לה'. וויא אזוי קען איך זאגין אז איך בין צו גאט, גאט וואס זיין מלוכה איז אזוי גרוים, אויף דיא גאנצע וועלט אונ אויף אלע הימלען וואס דארטין זענען מלאכים שרפים אופנים חיות הקודש. זאל איך קענען זאגין דיא ווערטער „איך בין צו גאט", איך געהער אבער יא צו גאט, ווארום איך זעה דאך אז דורך מיר האט גאט געהאלפין דיא יודין, דריבער אנכי אשירה. וועל איך זינגען צו גאט, אזמר לאלהי ישראל, דריבער וועל איך זינגען צו גאט, ווייל איך זעה אז גאט ווערט גערופין אלהי ישראל. דער גאט פון דיא יודין, האט גאט אוועק געלאזין אלע שרפים אונ אופנים אונ חיות הקודש אונ מלאכים, אונ ער חתמת זיין נאמען איך בין דער גאט פון דיא יודין, זעהן מיר וויא טייער דיא יודין זענען ביא גאט, דריבער מעג איך זינגען צו גאט אויף די הילף וואס ער האט געהאלפין צו די יודין׃

(הומ״ש ע״ט)

יא ותאמר דבורה אל־ברק קום כי זה היום אשר
נתן יהוה את־סיסרא בידך הלא יהוה יצא לפניך
וירד ברק מהר תבור ועשרת אלפים איש אחריו׃
יב ויהם יהוה את־סיסרא ואת־כל־הרכב ואת־כל־
המחנה לפי־חרב לפני ברק וירד סיסרא מעל
המרכבה וינס ברגליו׃ יג וברק רדף אחרי הרכב
ואחרי המחנה עד חרשת הגוים ויפל כל־מחנה
סיסרא לפי־חרב לא נשאר עד־אחד׃ יד וסיסרא
נס ברגליו אל־אהל יעל אשת חבר הקיני כי
שלום בין יבין מלך־חצור ובין בית חבר הקיני׃
טו ותצא יעל לקראת סיסרא ותאמר אליו סורה אדני
סורה אלי אל־תירא ויסר אליה האהלה ותכסהו
בשמיכה׃ טז ויאמר אליה השקיני־נא מעט־מים כי
צמתי ותפתח את־נאוד החלב ותשקהו ותכסהו׃
יז ויאמר אליה עמד פתח האהל והיה אם־איש
יבא ושאלך ואמר היש־פה איש ואמרת אין׃
יח ותקח יעל אשת־חבר את־יתד האהל ותשם
את־המקבת בידה ותבוא אליו בלאט ותתקע
את־היתד ברקתו ותצנח בארץ והוא־נרדם ויעף
וימת׃ יט והנה ברק רדף את־סיסרא ותצא יעל
לקראתו ותאמר לו לך ואראך את־האיש אשר־
אתה מבקש ויבא אליה והנה סיסרא נפל מת
והיתד ברקתו׃ ד ויכנע אלהים ביום ההוא את
יבין מלך־כנען לפני בני ישראל׃ ה ותלך יד
בני־ישראל הלוך וקשה על יבין מלך־כנען
עד אשר הכריתו את יבין מלך־כנען׃

ואהביו כצאת השמש בגבורתו. די גמרא זאגט איין טייערע פעריל האט גיהאנגען אויף אברהם אבינו'ס האלדז און אז איין שלאפער האט גיקוקט אויף דעם פעריל איז ער באלד געזונד גיווארין, און אז אברהם אבינו איז נפטר גיווארין האט השי"ת אויף גיהאנגען דיא פעריל אויף דעם ראד פון דער זונן, דער מיינונג פון דער גמרא איז, דאס מויל מיט דעם האלדז פון אברהם אבינו איז גיוועזין אזוי טייער ווי א טייערע פעריל, ער האט יעדין גילערנט דאס גרויסקייט פון השי"ת און מען זאל דינען השי"ת, און אז א שלאפער וואס זיין נשמה איז גיוועזין שלאף, ער איז גיוועזין זינדיג האט אברהם אבינו אים צו געריים תשובה צו טאהן, איז די נשמה באלד גיהיילט גיווארין, און אז אברהם אבינו איז גישטארבין איז דאך נים גיוועזין ווער עס זאל געבין צו פאר־שטיין דיא מענטשין דאס גרויסקייט פון השי"ת און צו ערקלערין זיי אז זיי זאלין דינען און לויבין צו השי"ת, האט השי"ת די פעריל אויף גיהאנגען אויף דעם ראד פון דער זונן, דאס מיינט מען יעדער מענטש זאל זעהן דאס גרויסקייט פון השי"ת פון דער זונן וואס ער האט בשאפין וואס זיא איז פיל מיט חכמה וועט ער דאך דעם דינען און לויבין צו השי"ת, דאס זעלבע זאגט דבורה די נביאה ואהביו, גאטס ליב האבערס טוהען לערנען יעדין מענטש דאס גרויסקייט פון גאט, כצאת השמש בגבורתו. אזוי פון דער זונן וואס גייט ארוים מיט איר שטארקייט זעהט מען דאך דאס גרויסקייט פון גאט, אזוי די צדיקים לערנען יעדין דאס גרויסקייט פון גאט און מען זאל אים דינען׃

כאן מתחילין הספרדים

א ותשר דבורה וברק בן־אבינעם ביום ההוא לאמר׃ ב בפרע פרעות
בישראל בהתנדב עם ברכו יהוה׃ ג שמעו מלכים האזינו
רזנים אנכי ליהוה אנכי אשירה אזמר ליהוה אלהי ישראל׃ ד יהוה

פירוש ע"ט

(א) ותשר דבורה און זיא האט געזונגען שירה צו גאט דיא נביאה דבורה וברק און ברק דער זוהן פון אבינועם ביום ההוא דעם דאזיגען טאג לאמר זיי האבין אזוי גיזאגט: (ב) בפרוע אז הקב"ה האט גיטאהן ברעכין אין דיא ישראל פרעות ברעכעניש דורך די עובדי כוכבים ווייל זיי האבין געזינדיגט אבער בהתנדב עם אז דאס פאלק האט זיך גיטאהן באווילינגען און האבין תשובה גיטאהן ברכו יי' לויבט היינט גאט אויף דער הילף וואס ער האט אייך גיהאלפין: (ג) שמעו הערט צו איר מלכים האזינו פאר נעמט רוזנים הייבט הארין אנכי איך וועל לויבין גאט אנכי אשירה איך וועל זינגען אזמר איך וועל לויבין ליי' צו גאט אלהי ישראל דער גאט פון דיא ישראל: (ד) יי' גאט בצאתך אין דייך

בצאתך משעיר בצעדך משדה אדום ארץ רעשה גם־שמים נטפו
גם־עבים נטפו מים: ה הרים נזלו מפני יהוה זה סיני מפני יהוה
אלהי ישראל: ו בימי שמגר בן־ענת בימי יעל חדלו ארחות והלכי
נתיבות ילכו ארחות עקלקלות: ז חדלו פרזון בישראל חדלו עד
שקמתי דבורה שקמתי אם בישראל: ח יבחר אלהים חדשים אז לחם
שערים מגן אם־יראה ורמח בארבעים אלף בישראל: ט לבי לחוקקי
ישראל המתנדבים בעם ברכו יהוה: י רכבי אתנות צחרות ישבי
על־מדין והלכי על־דרך שיחו: יא מקול מחצצים בין משאבים שם
יתנו צדקות יהוה צדקת פרזונו בישראל אז ירדו לשערים עם־יהוה:
יב עורי עורי דבורה עורי עורי דברי־שיר קום ברק ושבה שביך בן־
אבינעם: יג אז ירד שריד לאדירים עם יהוה ירד־לי בגבורים: יד מני

פירוש ע"ט

ארויס גיין משעיר די עובדי כוכבים צו געבין די תורה אויף דעם בארג שעיר בצעדך אין דיין טאהן טרעטין משדה אדום פון דעם פעלד אדום צו געבין זיי די תורה האבין זיי ניט געוואלט מקבל זיין די תורה ארץ דיא ערד רעשה האט דענסט מאהל געציטערט גם שמים דיא הימלען נטפו זייא האבין געטריפט טויא פון תחיה גם אויך עבים די וואלקין נטפו האבין געטריפט מים וואסער: (ה) הרים נזלו די בערג האבין גיטאהן רינען און זייא זענען צו גאנגען אזוי וויא וואסער זה דער דאזיגער בארג סיני וואס אויף אים איז גיוועזן רויך און גרויסע קולות און בליצען און פייער דאס איז אלץ גיוועזן מפני יי פאר גאט אלהי דער גאט פון דיא ישראל: (ו) בימי אין די טעג שמגר בן ענת שמגר דער זוהן פון ענת בימי אין די טעג פון יעל וואס זיי האבין אויך גישאפט איבער די ישראל חדלו האבין דיא ישראל פאר מיטין פון צו גיין ארחות זייער וועג מחמת זיי האבין מורא גיהאט פאר דיא עובדי כוכבים והולכי נתיבות און דיא וואס זענען יא גיגאנגען אין די שטעצקעס ילכו זענען זיי גיגאנגען ארחות קרומע וועגין: (ז) חדלו פרזון זיי האבין פאר מיטין צו זיצען אין אפענע שטעט בישראל צווישען די ישראל חדלו זיי האבין פאר מיטין כלומר זייא האבין מורא גיהאט צו זיצען אין אפענע שטעט נאר אין פעסטע שטעט וואס עס איז אחוזקת עד שקמתי ביז וואנען איך דבורה בין אויף געשטאנען שקמתי איך בין אויף געשטאנען אם בישראל איין מוטער צו ישראל: (ח) יבחר אז די ישראל האבין זיך אויס דער ווילט און אויס גיקליבען אלהים חדשים נייע אפ געטער אז לחם שערים דענסטמאהל האבין זייא געמוזט מלחמה האלטין אין זייערע שטעט אבער זעהט היינט אז זיי האבין תשובה גיטאהן מגן אפאנצער אם יראה אויב עס איז גיוואָרין געוויזען ביי די ישראל ורומח און אשפיז בארבעים אז דיא ישראל האבין בדארפט מלחמה האלטין מיט די פערציג טויזענד הארין פון דעם חיל פון סיסרא האבין זייא ניט בדארפט וויזין קיין פאנצער און קיין שפיז נאר גאט ב"ה האט זייא פאר טומעלט: (ט) לבי מיין הארץ לחוקקי צו די קריצלער פון ישראל מיינט מען דיא תלמידי חכמים המתנדבים וואס זייא האבין בווילינגט צו זאגין דעם פאלק ישראל ברכו יי לויבט גאט און טוהט תשובה צו אים: (י) רוכבי די הארין און די סוחרים וואס מעגין היינט רייטין אויף אתונות צחורות ווייסע אייזלין אן מורא און ישבי די דיינים וואס זייא מעגין היינט זיצען אויף דעם דין צו פסקנן איין דין אמת און האבין שוין קיין מורא ניט פאר קיינעם והולכי און דיא וואס גייען אויף דעם וועג שיחו זאלין זיי ריידין און דערציילין די נסים פון גאט ב"ה: (יא) מקול פון דעם קול מחצצים די שטיינדליך בין צווישען די שעפערס שם דארטין זאל מען דערציילין די צדקות פון גאט און נאך זאלט איר דערציילין צדקות פרזונו פון די אפענע שטעט צווישען די ישראל וואָרום אז דענסטמאהל אז גאט האט אונז גיהאלפין ירדו האבין גענידערט לשערים צו די אפענע שטעט עם יי דאס פאלק פון גאט און האבין שוין קיין מורא ניט געהאט: (יב) זאגט דבורה צו זיך עורי דער וועק דיך עורי דער וועק און שטארק דיך דבורה עורי עורי דער וועק דיך דברי שיר רייד שירה צו גאט קום ברק שטיי אויף דו ברק ושבה און פאנג דיין גיפענקעניש דער זוהן פון אבינועם: (יג) אז דענסטמאהל ירד האט גיטאהן געוועלטיגען שריד דאס איבער בלייבונג פון דיא ישראל לאדירים עם איבער דיא שטארקע פעלקער יי גאט ירד לי האט מיר גיגעבין איין געוועלטיקייט בגבורים איבער דיא גבורים:

אֶפְרַיִם שָׁרְשָׁם בַּעֲמָלֵק אַחֲרֶיךָ בִנְיָמִין בַּעֲמָמֶיךָ מִנִּי מָכִיר יָרְדוּ מְחֹקְקִים
וּמִזְּבוּלֻן מֹשְׁכִים בְּשֵׁבֶט סֹפֵר: טו וְשָׂרַי בְּיִשָּׂשכָר עִם־דְּבֹרָה וְיִשָּׂשכָר
כֵּן בָּרָק בָּעֵמֶק שֻׁלַּח בְּרַגְלָיו בִּפְלַגּוֹת רְאוּבֵן גְּדֹלִים חִקְקֵי־לֵב: טז לָמָּה
יָשַׁבְתָּ בֵּין הַמִּשְׁפְּתַיִם לִשְׁמֹעַ שְׁרִקוֹת עֲדָרִים לִפְלַגּוֹת רְאוּבֵן גְּדוֹלִים
חִקְרֵי־לֵב: יז גִּלְעָד בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן שָׁכֵן וְדָן לָמָּה יָגוּר אֳנִיּוֹת אָשֵׁר יָשַׁב
לְחוֹף יַמִּים וְעַל־מִפְרָצָיו יִשְׁכּוֹן: יח זְבֻלוּן עַם חֵרֵף נַפְשׁוֹ לָמוּת וְנַפְתָּלִי
עַל מְרוֹמֵי שָׂדֶה: יט בָּאוּ מְלָכִים נִלְחָמוּ אָז נִלְחֲמוּ מַלְכֵי כְנַעַן בְּתַעְנַךְ
עַל־מֵי מְגִדּוֹ בֶּצַע כֶּסֶף לֹא לָקָחוּ: כ מִן־שָׁמַיִם נִלְחָמוּ הַכּוֹכָבִים
מִמְּסִלּוֹתָם נִלְחֲמוּ עִם סִיסְרָא: כא נַחַל קִישׁוֹן גְּרָפָם נַחַל קְדוּמִים נַחַל

## פירוש ע"ט

(יד) מני אפרים פון שבט אפרים איז ארויס געקומען שרשם זייער ווארציל מיינט מען יהושע בן נון בעמלק האט ער געוועלטיגט אין עמלק אחריך נאך דיר כלומר נאך יהושע בנימין וועט אויף שטיין שאול המלך וואס ער איז פון שבט בנימין בעממיך אין דיין פאר לאשענע קוילין כלומר ער וועט זיי נאר אויס הרגנן און פאר לעשין מני מכיר פון מכיר ירדו האבין געניזערט מיט ברק אין דער מלחמה מחוקקים קריצלערס מיינט מען גרויסע הארין ומזבולן און פון שבט זבולן זענען אויך געגאנגען מיט ברק אפילו דיא וואס מושכים זייא ציהען און שרייבין בשבט סופר מיט דער פעדער פון די סופרים דאס מיינט מען די ת"ח און מכל שכן די איבריגע זענען אוודאי געגאנגען: (טו) ושרי בישׂשכר און דיא הארין פון ישׂשכר מיינט מען די סנהדרין עם דבורה זענען זייא תמיד מיט דבורה צו פסקנן דינים וישׂשכר און דאס איבריגע פאלק פון ישׂשכר כן ברק אזוי ברק כלומר זענען גיגאנגען מיט ברק צופאלגין אים וואס ער האט זיי גישאפט בעמק אין טאל שלח איז ער ווארין געשיקט ברגליו מיט זיינע פים כלומר ער האט זייא געשיקט צו וואס ער האט בדארפט אבער בפלגות אז ער האט זיך אפ געטיילט ראובן כלומר ער איז ניט געקומען צו דער מלחמה גדולים זענען גרויס די מחשבות און די ערמות פון זיין הארץ: (טז) למה ווארום ביזטו גיזעסין בין צווישען דיא גימארקין פון דער מלחמה לשמוע צו הערין שריקות דיא שמוצערין פון די סטאדעס דאס הייסט פון דעם פאלק פון דער מלחמה צו זעהן וועלכעס צד עס וועט מנצח זיין די מלחמה וועסטו אים נאך זיין לפלגות צו דעם אפ טיילונג: (יז) גלעד דיא ישׂראל וואס זענען אין גלעד בעבר האט גערוהט פון יענער זייט ירדן און איז ניט געקומען העלפין צו דער מלחמה. און שבט דן למה ווארום האט ער איין געוואמילט זיין געלט אין די שיפען כדי ער זאל אנטלויפין, און שבט אשר ישב איז גיזעסין ביים בארטין פון דיא ימים ועל און אויף זיינע פעסטע שטעט האט ער גיטאהן רוהען כדי ער זאל זיך אפ היטען זיין לאנד: (יח) אבער דאס שבט זבולן עם איז איין פאלק וואס האט מבזה גיוועזן און מפקיר גיוועזן זיין לייב למות צו שטארבין ער איז יא געגאנגען צו דער מלחמה, און דאס שבט נפתלי זענען אויך געגאנגען על מרומי אויף דיא הייך פון דעם פעלד צו דער מלחמה אויף דעם בארג תבור: (יט) באו זענען געקומען די מלכים נלחמו און האבין מלחמה גיהאלטין מיט די ישׂראל אז דענסטמאהל נלחמו האבין מלחמה געהאלטין די מלכי כנען מיט דיא ישׂראל אין דער שטאט תענך און זייער מחנה האט גערייכט ביז אין דער שטאט מי מגידו בצע די מלכי כנען האבין אפילו דער פאר קיין שכר ניט גענומען ביי סיסרא האבין אים געהאלפין מלחמה האלטין מיט דיא ישׂראל: (כ) דרום האט גאט אויך געשיקט מן שמים פון דעם הימעל מיט זייא מלחמה האלטין אזעלכע וואס זייא נעמען קיין געלט ניט נלחמו האבין מיט זייא מלחמה געהאלטין הכוכבים דיא שטערין ממסילותם פון זייער טריט נלחמו האבין זיי מלחמה געהאלטין מיט סיסרא: (כא) נחל קישון דער טייך קישון גרפם האט זיי אויס גישטערצט ווארום דיא שטערין האבין היים געמאכט דיא פאנצערס פון זייא זענען זיי געגאנגען אין טייך קישון זיך אפ קילען זענען זייא דער טרונקען גיווארין נחל קדומים דער טייך פון קישון האט פריער ערב גיוועזן דעם שר פון דעם ים בשעת אז די מצריים זענען דער טרונקען גיווארין אין ים האט דער ים זיי ניט גיוואלט ארויס ווארפין כדי דיא פיש זאלין האבין צו עסין האט גאט גיזאגט צו אים ווייל די ישׂראל האבין מורא טאמער זענען דיא מצריים אויך אריבער געגאנגען פון דער אנדערער זייט ווארף זיי ארויס טויטער הייט און

קִישׁוֹן תִּדְרְכִי נַפְשִׁי עֹז׃ כב אָז הָלְמוּ עִקְּבֵי־סוּס מִדַּהֲרוֹת דַּהֲרוֹת אַבִּירָיו׃
כג אוֹרוּ מֵרוֹז אָמַר מַלְאַךְ יְהוָה אֹרוּ אָרוֹר יֹשְׁבֶיהָ כִּי לֹא־בָאוּ לְעֶזְרַת
יְהוָה לְעֶזְרַת יְהוָה בַּגִּבּוֹרִים׃ כד תְּבֹרַךְ מִנָּשִׁים יָעֵל אֵשֶׁת חֶבֶר הַקֵּינִי
מִנָּשִׁים בָּאֹהֶל תְּבֹרָךְ׃ כה מַיִם שָׁאַל חָלָב נָתָנָה בְּסֵפֶל אַדִּירִים הִקְרִיבָה
חֶמְאָה׃ כו יָדָהּ לַיָּתֵד תִּשְׁלַחְנָה וִימִינָהּ לְהַלְמוּת עֲמֵלִים וְהָלְמָה סִיסְרָא
מָחֲקָה רֹאשׁוֹ וּמָחֲצָה וְחָלְפָה רַקָּתוֹ׃ כז בֵּין רַגְלֶיהָ כָּרַע נָפַל שָׁכָב בֵּין
רַגְלֶיהָ כָּרַע נָפָל בַּאֲשֶׁר כָּרַע שָׁם נָפַל שָׁדוּד׃ כח בְּעַד הַחַלּוֹן נִשְׁקְפָה
וַתְּיַבֵּב אֵם סִיסְרָא בְּעַד הָאֶשְׁנָב מַדּוּעַ בֹּשֵׁשׁ רִכְבּוֹ לָבוֹא מַדּוּעַ אֶחֱרוּ
פַּעֲמֵי מַרְכְּבוֹתָיו׃ כט חַכְמוֹת שָׂרוֹתֶיהָ תַּעֲנֶינָּה אַף־הִיא תָּשִׁיב אֲמָרֶיהָ
לָהּ׃ ל הֲלֹא יִמְצְאוּ יְחַלְּקוּ שָׁלָל רַחַם רַחֲמָתַיִם לְרֹאשׁ גֶּבֶר שְׁלַל צְבָעִים
לְסִיסְרָא שְׁלַל צְבָעִים רִקְמָה צֶבַע רִקְמָתַיִם לְצַוְּארֵי שָׁלָל׃ לא כֵּן יֹאבְדוּ

פירוש ע"ט

איך וועל דיר אפ געבין אנדערע מענטשין אונ דער טייך קישון זאל זיין איין ערב היינט האט דער נחל קישון זיי אוועק גיטראגין אין ים אריין תדרכי נפשי מיין לייב טוהט טרעטין מיט מיינע פים עוז די שטארקע פון כנען: (כב) אז דענסט־מאהל הלמו וועגען געשלאגין גיוואָרין עקבי סוס די טריט פון דיא פערד מדהרות פון דעם שפרינגען דהרות וואס זיינע גבורים האבין גימאכט שפרינגען זייערע פערד אין דער מלחמה ווארום מחמת די היץ פון די שטערין איז גיווארין דיא ערד הייס איז אראפ געפאלין דיא קלאען פון זיי: (כג) אורו פאר פלוכט זאל ווערין מרוז דער שטערין מרוז אמר האט גיזאגט מלאך דער שליח יי' פון גאט מיינט מען ברק אורו פאר פלוכט ארור עס זאל ווערין פאר פלוכט ישביה דיא זיצערס ווארום כי לא באו זיי זענען ניט געקומען לעזרת צו הילף צו דעם פאלק פון גאט אז זייא האבין מלחמה געהאלטין מיט די גבורים פון סיסרא: (כד) תבורך זיא זאל גיבענטשט ווערין מנשים מיין פון אלע ווייבער די יעל דאס ווייב פון חבר הקיני מנשים פון די ווייבער באהל וואס עס שטייט געשריבען ביא זיי אהל מיינט מען שרה רבקה רחל לאה תבורך זאל יעל אזוי אויך גיבענטשט ווערין: (כה) מים שאל דער שונא סיסרא האט זיא גיבעטין זיא זאל אים געבין וואסער צו טרינקען חלב האט זיא אים גיגעבין מילך צו טרינקען צו פרובן אים אויב ער האט אנגעווארין דאס הארץ אונ האט זיך דער שראקין וועט ער ניט וויסען קיין חילוק צווישען וואסער אונ צווישען מילך בספל אין דעם בעקין וואס מען טרינקט אדירים וואטער וואס ווערט אן גערופין מים אדירים הקריבה האט זיא גינעהנט חמאה פוטער: (כו) ידה איר האנט ליתד צום נאגיל תשלחנה האט זיא גישטרעקט וימינה אונ איר רעכטע האנט האט זיא גישטרעקט צום האמער להלמות צו שלאגין עמלים דיא וואס זענען מיד מיינט מען סיסרא וואס ער איז גיוועזן מיד והלמה אונ זיא האט גישלאגין סיסרא מחקה ראשו זיא האט צו קריצט זיין קאפ ומחצה זיא האט געוואנדעט וחלפה אונ זיא האט דורך גישלאגין רקתו זיין שלעף: (כז) בין רגליה צווישען אירע פים כרע האט ער געקניט נפל ער איז געפאלין שכב ער איז גילעגין בין רגליה צווישען אירע פים כרע האט ער געקניט נפל ער איז ווידער אמאהל געפאלין באשר כרע ווי ער האט געקניט שם נפל דארט איז ער געפאלין שדוד דער רויבער מיינט מען סיסרא: (כח) בעד החלון דורך דעם פענסטער נשקפה האט זיא געקוקט ותיבב אונ זיא האט גירעט אם דיא מוטער פון סיסרא בעד דורך דעם פענסטער וואס האט זיא גיזאגט מדוע ווארום בשש זאמט רכבו זיין רייטער צו קומען מדוע ווארום אחרו זאמט פעמי די טריט פון זיינע רייט וועגין: (כט) חכמות די קלוגע שרותיה פון אירע הארינמעס תעננה טוהען איר ענפערין אף היא זיא האט אויך איר הארץ אוים גירעט וואס פאר וואנדער איך מיך וואס מיין זוהן זאמט זיך: (ל) הלא פאר וואר ימצאו זיי געפינען יחלקו שלל זייא צו טיילין זיך מיט זאק רויב רחם אטראכט רחמתים צווייא טראכט לראש גבר צו איטליכען מענטש כלומר איטליכער מענטש האט אוודאי צוויי דריי שיינע בתולות וואס ער לוגט מיט זייא שלל גיפארבטע זאק רויב אונ גיפארבטע קליידער איז דא צו סיסרא שלל גיפארבטע זאק רויב רקמה גיוועבט צבע גיפארבטע וואס עס איז גיוועבט אויף ביידע זייטין לצוארי שלל דאס איז ייצר זאק רויב וואס זיי גייען אויף דעם

כָּל־אוֹיְבֶיךָ יְהוָה וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ וַתִּשְׁקֹט הָאָרֶץ אַרְבָּעִים שָׁנָה׃

פירוש ע"ט

האלדז: (לא) זאגט דבורה אבער מיט אפאלשע טרייסט טוהט זיא זיך טרייסטין כן אזוי זאלין פאר לארין ווערין אלע דיינע פיינד פון דיר גאט אזוי וויא סיסרא איז פאר לארין געווארין ואהביו און זיינע ליב האבער זאלין זיין כצאת אזוי וויא אז די זונן גייט ארויס מיט זיין שטארקייט כלומר אזוי ווי די זונן וועט לייכטין אז משיח וועט קומען, זאגט דער פסוק ותשקוט און עס איז געוועזן שטיל הארץ דאס לאנד פון מלחמות ארבעים שנה פערציג יאהר:

# עניני קבלת התורה

וישמע יתרו. דיא גמרא פרעגט וואס האט יתרו גיהערט וואס ער איז געקומען צו משה און צו דיא יודין רבי אליעזר המודעי זאגט יתרו האט גיהערט אז הקב"ה האט גיגעבין די תורה צו די יודין, ווענין די תורה איז גיוועזן דער עיקר קומען פון יתרו, ווארום ווען די תורה איז גיגעבין גיווארין צו דיא יודין, האבין אלע מלכים אויף דער וועלט געציטערט, און האבין זיך פארזאמולט צו בלעם, און האבין גיפרעגט ביי אים וואס זענען די דינערין וואס מיר הערין און דיא בליצען וואס מיר זעהן, טאמער וויל הקב"ה ברייננען אמבול אויף דער וועלט אזוי וויא ער האט געברייננט אמבול אין די צייט פון נח, האט בלעם צו זייא גיזאגט, הקב"ה האט גישווארין ער זאל ניט ברייננען נאך אמאהל אמבול, האבין דיא מלכים גיזאגט צו בלעם טאמער אמבול פון וואסער וועט הקב"ה ניט ברייננען אויף דער וועלט, אבער ער וועט ברייננען אמבול פון פייער אויף דער וועלט, האט בלעם צו זיי גיזאגט הקב"ה וועט קיין מבול ברייננען אויף דער וועלט. ניט פון וואסער און ניט פון פייער, נאר די דינערין וואס איר הערט און דיא בליצען וואס איר זעהט, דאס איז ווייל הקב"ה גיט היינט די תורה צו די יודין, ווי דיא מלכים האבין דאס גיהערט זענען זיי געגאנגען יעדער צו זיך אהיים. אבער יתרו איז ניט געגאנגען אהיים, נאר ער האט גענומען זיין ווייב מיט זיינע קינדער און דאס ווייב פון משה מיט אירע קינדער און זיי זענען אלע געגאנגען צו משה אין דער מדבר זיי זאלין זיך מגייר זיין, און משה האט זייא דערציילט אלע נסים וואס הקב"ה האט גיטאהן צו דיא יודין, און ער האט אים געוויזען דעם ברויט וואס זיי עסין ודאס איז דער מן און דעם וואסער וואס זיי טרינקען פון שטיין, משה האט צו זייא גיזאגט אין דעם מן האבין מיר אלע טעמים, אטעם פון ברויט און פון פלייש און פון פיש. אלע טעמים פון עסינ-ווארג וואס עס איז נאר דא אויף דער וועלט, האבין מיר אין דעם מן. און אין די וואסער וואס רינט פון דעם שטיין האבין מיר אויך אלע טעמים וואס מיר ווילען, אטעם פון נייעם ווין און אטעם פון אלטין ווין אטעם פון מילך, און אטעם פון אלע משקה וואס זענען דא אויף דער וועלט. האט יתרו גיזאגט איצט ווייס איך דער גאט פון דיא יודין איז זיין כח גרעסער פון אלע כחות וואס זענען דא אויף דער וועלט און דיא פעלקער דינען צו זייא (וויא דיא פארצייטיגע פעלקער פלעגין דינען צו די זונן, די לבנה, און די מזלות) ווארום הקב"ה האט צו גיוועלטיגען אויף אלע, ווייל ער האט אלע בשאפין. דער ילקוט זאגט פיר מענטשין האבין גיזאגט פיר זאכין. ווען אנדערע מענטשין וואלטין דאס זאגין וואלט מען געלאכט פון זיי, דיא פיר מענטשין זענען משה יתרו שלמה נבוכדנצר. משה האט גיזאגט הצור תמים פעלו. די מעשים פון הקב"ה זענען גאנץ, עס איז אין זייא קיין פעלער דא, כי כל דרכיו משפט. זיינע אלע וועגין זענען מיט משפט. וויא דער דין דארף זיין, ווען דאס וואלט גיזאגט איין אנדער מענטש ניט משה וואלט מען פון אים געלאכט, מען וואלט אים גיפרעגט פון וואנען ווייסטו אז עס איז אזוי, נאר ווייל עס שטייט אין פסוק יודיע דרכיו למשה. הקב"ה האט געמאכט וויסען זיינע וועגין, זיין פירונג צו משה, האט משה געוואסט דעם פירונג פון הקב"ה אויף דער וועלט. שלמה המלך האט גיזאגט את הכל עשה יפה בעתו. הקב"ה האט געמאכט אלץ גוט יעדער זאך אין זיין צייט, ווען דאס וואלט גיזאגט איין אנדער מענטש ניט שלמה וואלט מען געלאכט פון אים. מען וואלט אים גיפרעגט פון וואנען ווייסטו

זועלכעס איז גוט און וועלכעס איז ניט גוט, נאר וויל אויף דעם טיש פון שלמה האט קיין זאך גיפעלט, האט ער געוואסט וועלכע זאך איז גוט און וועלכע זאך איז ניט גוט רבי יוסי ברבי חנינא זאגט אפילו אין חדש תמוז איז גיוועזן אויף דעם טיש פון שלמה מרור, חריין, נבוכדנצר האט גיזאגט וכל דיירי ארעא כלא חשיבין. אלע מענטשין וואס וואהנען אויף דער ערד זענען גירעכונט ווי גאר נישט געגען הקב"ה, ווען דאס וואלט גיזאגט איין אנדער מענטש ניט נבוכדנצר וואלט מען געלאכט פון אים, אויף וואס האט דער מענטש גיוועלטיגט אפילו אויף אפליג אויך ניט, פון וואנען וויים ער צו זאגין אמיינונג אויף דיא מלוכה פון הקב"ה, נאר נבוכדנצר וואס ער איז גיוועזן דער גרויסער מלך, און הקב"ה האט אים געמאכט געוועלטיגען אפילו אויף די חיות פון פעלד, ער האט געוואסט וויא גרויס איז דיא מלוכה פון הקב"ה, ער האט גיקענט זאגין אלע איין וואהנער פון דער וועלט זענען גאר נישט געגען הקב"ה. יתרו וויל ער האט געדינט אלע געצין בילדער וואס זענען אויף דער וועלט און ער האט גיזעהן אלע געצין בילדער זענען גאר נישט, דריבער האט ער גיקענט זאגין גאט איז גרעסער פון אלע געטער וואס דיא פעלקער דינען צו זייא רבי אליעזר המודעי זאגט יתרו האט גיהערט אין מדין דעם וואנדער אז הקב"ה האט גישפאלטין דעם ים פאר די יודינ'ס וועגין, דריבער איז ער געקומען צו משה און צו דיא יודין ער זאל זיך מגייר זיין איידער הקב"ה האט גישפאלטין דעם ים האבין אלע פעלקער געמיינט עס זענען דא צוויא געטער איינער וואס טוהט שטענדיג נאר שלעכטס, און איינער וואס טוהט שטענדיג נאר גוטס, אבער ווען הקב"ה האט גישפאלטין דעם ים און די מצרים האט ער דערטרונקען און די יודין האט ער גירעטעט, האט שוין יתרו געוואסט אז איין גאט איז נאר דא, דער גאט טוהט גוטס און טוהט שלעכטס, דריבער שטייט אין פסוק ויחד יתרו. ויחד איז אזוי ווי עס וואלט געשטאנען ויחוד. יתרו האט געאיינציגט. ער האט גיזאגט הקב"ה איז נאר איינער, איין גאט אויף דער וועלט. און דריבער האט יתרו פארלאזין זיין גאנצין פארמעגין אין מדין און איז געקומען צו משה אין דער מדבר, און פיל מענטשין פון דיא פעלקער וואס האבין גיזעהן יתרו וואס ער איז אחכם און אכהן איבער אלע געצין בילדער פון דער וועלט, און ער האט זיך אפגעשיידט פון אלע געצין בילדער און ער זאגט איצט וויים איך אז דער גאט פון דיא יודין נאר ער איז אגאט און אויסער אים איז קיין גאט דא אויף דער וועלט, האבין זייא זיך אויך דערווייטערט פון זייערע געצין בילדער, און האבין זיך מגייר גיוועזן, איז דורך זייא געהייליגט גיווארין דער נאמען פון הקב"ה אויף דער וועלט, דריבער שטייט דיא פרשה פון יתרו אין דער תורה:

אונקלוס

# שמות יח יתרו

א ושמע יתרו רבא **יח א וישמע יתרו כהן מדין**

**תו"א** וישמע יתרו. זבחים קטו:

בעל הטורים

(א) **וישמע** יתרו. אמרו רבותינו ששמע קריעת ים סוף שכשנקרע הים נחס נהמה גדולה עד ששמעו כל מלכי מזרח ומערב וזהו שנאמר וינהוס עליו וגו' כנהמת ים ואמרו ג"כ ששמע מלחמת עמלק: וישמע יתרו כהן מדין חתן.

רש"י

(א) **וישמע יתרו**. מה שמועה שמע ובא א קריעת ים סוף ומלחמת עמלק (זבחים קיו):

שפתי חכמים

**א** פי' שבשבילה נתעורר לבא (גח"י) ואכתי קשה דלמא בשביל כל השמועות בסוה בא ולא עדיף חדא מאידך וכו' ונראה דס"ל להני תנאי דוישמע יתרו פירושו ששמע שמועה אחרת שלא נכלל במאמרים הבאים דאל"כ הל"ל ויתרו שמע את וכו' אע"כ ששמע ענין אחר ותיבת את כל וגו' פי' ואת כל וגו' כמו כי

דעת זקנים מבעלי התוספות

(א) **וישמע יתרו**. שבע שמות היו לו יתרו יתר חבר חובב קיני פוטיאל רעואל וי"א רעואל אביו של יתרו היה והא דכתיב ותבאנה אל רעואל אביהם דרך תינוקות הוא שקורין לאבי אביהן אבא וקשיא למאן דאמר רעואל הוא יתרו אי

ענין שמועת יתרו

(א) וישמע יתרו כהן מדין חותן משה. ר"ל אע"פ שיתרו היה שר וגדול במדין גם היה חותן משה שלכן היה ראוי סבירא ליה נמי דחובב הוא יתרו כמו שפירש רש"י חובב

פירוש לתורת אלהים

**(א) וישמע** יתרו חותן משה יתרו דער שוועער פון

לקוטים על התורה

(א) **וישמע** יתרו כהן מדין חתן משה וגו'. דער באר מים חיים פרעגט פאר וואס שטייט יתרו

האט גיהערט אלץ וואס גאט האט גיטאהן צו משה און צו דיא יודין, האט דען נאר יתרו אליין דאס גיהערט, די

ספר הישר

**וישמע** יתרו וגו'. יתרו האט געהערט אלע וואנדער וואס הקדוש ברוך הוא האט גיטאהן דורך משה צו דיא

# חֹתֵ֣ן מֹשֶׁ֔ה אֵת֩ כָּל־אֲשֶׁ֨ר עָשָׂ֤ה אֱלֹהִים֙ לְמֹשֶׁ֔ה וּלְיִשְׂרָאֵ֖ל

דְּמִדְיָן חֲמוּהִי דְּמֹשֶׁה יָת כָּל דִּי עֲבַד יְיָ לְמֹשֶׁה

## רשב״ם

(א) אשר צשה אלהים למשה. שלא הזיקו פרעה ושהגדילו הקב״ה בעיני פרעה ועבדיו:

## בעל הטורים

בגי' אלה הם קריעת הים ומלחמת עמלק: יתרו בגי' כומר הי' לע״ז ובגי' התורה. שבא להתגייר ולקבל התורה. לשון א״א הרא״ש ז״ל: יתרו הרי ביה יתר ו' ששבעה שמות היה לו יתר על שאר בני אדם, ע״א שבא לקבל י' דברות ותר״ו מצות יותר על ז' הראשונות שנצטוו בני נח: את כל אשר עשה אלהים למשה. למה אמר אלהים פי' אשר עשה הקב״ה למשה אלהים לפרעה א״נ שמע שבא עליו במדת הדין להורגו על שלא מל בני שנא' ויפגשהו ה' ויבקש המיתו ושמע שניצל מזה: עשה אלהים. ב' במסורה הכא ואידך בפרשת מקץ מה זאת עשה אלהים לנו שבאותו לשון שנצטערו באותו לשון הרויח להם בעלייתם משם:

## רש״י

יתרו. שבע שמות נקראו לו ב רעואל יתר יתרו חובב חבר קיני פוטיאל (מכילתא) יתר על שם שיתר פרשה אחת בתורה ואתה תחזה. יתרו לכשנתגייר וקיים המצות הוסיפו לו אות ג אחת על שמו. חובב שחבב את התורה וחובב הוא יתרו ד שנאמר (שופטים ד) מבני חובב חותן משה. וי״א רעואל אביו של יתרו ה היה ומה הוא אומר (שמות ב) ותבאנה אל רעואל אביהן שהתינוקות קורין לאבי אביהן אבא. בספרי: חתן משה. (מכילתא) כאן היה יתרו מתכבד במשה ו אני חותן המלך ולשעבר היה משה תולה הגדולה בחמיו שנאמר וישב אל יתר חותנו: למשה ולישראל. שקול משה כנגד ז כל ישראל: את כל אשר עשה. להם ח בירידת המן

## שפתי חכמים

הוציא פירוש. פי' הוציא לכך זה אמר שמע קריעת ים סוף וזה אמר שמע מלחמת עמלק וס״ל לרש״י דמא״ח ומז״ח ול״פ. ומה שהקשה הרא״ם למה השמיט הרב דעת מ״ד שמע מ״ת ובא ותירץ וכו' ונראה דאשתמיטתיה להרא״ם הפלוגתא בזבחים (דף קטז) אי יתרו בא קודם מ״ת או לאחר מ״ת והרב סתם כ״פ שלאחר מ״ת בא לא הוצרך כאן להזכיר מ״ת וע״ש (מהרש״ל) דק״ל לפיה לא כתיב וירא יתרו כמו וירא בלק או וידע יתרו ומתרץ לפי ששמע קריעת ים סוף ומלחמת עמלק שהן דברים שהיו לפי שעה ולא שייך למיכתב וירא או וידע שהרי כשבא לישראל לא ראה שנקרע הים או מלחמת עמלק והשתא אתי שפיר דלא פי' ששמע ירידת המן ובאר ותורה דא״כ הל״ל וירא שהרי ירידת המן ובאר ותורה היה להם כמה שנים ואז הוי שייך למיכתב בו וירא אבל כיון ששמע קריעת ים סוף ומלחמת עמלק לא יכול לכתוב וירא או וידע וק״ל: ב אבל בפרשת בהעלותך כתב שני שמות היה לו כמו שמנינו בספרי: ג (הרא״ם) תימה א״כ אין כאן כי אם ו' שמות מכיון דקודם גרותו שהיה נקרא יתר לא היה נקרא יתרו ואחר גרותו שהיה נקרא יתרו לא היה נקרא יתר ולא היה ראוי למנותם לשני שמות כמו שאין ראוי למנות אברם ואברהם לשני שמות וכו' והניח הדבר בצ״ע (מהרש״ל) נ״ל דלק״מ דהא לא כתב רש״י ז' שמות יש לו אלא ז' שמות נקראו לו קלתם לפני גרותו וקלתם לאחר גרותו עכ״ל. ול״נ דאין מזה ראיה שגם יתרו קודם שנתגייר היה יתר דלמא שם אחר הי״ל וכמו שפירש הכא ולעיל בפרשת ואלה שמות גבי וישב משה אל יתר חותנו וגם פירש״י ג״כ כי ז' שמות נקראו לו וזה היה קודם שנתגייר וקודם שיתר פרשה בתורה אע״כ צ״ל דשם אחר הי״ל אך התורה קראה אותו בשם יתר ע״ש העתיד ואמת היא מיד כשבא למחרתו כשישב משה לשפוט את העם ונתן לו עצה בדבר המשפט מיד נקרא שמו יתר ע״ש שיתר פרשה זו בתורה ועדיין לא נתגייר ואחר שנתגייר הוסיפו לו אות וא״י ולא היה שמו של יתר אלא שם אחר הי״ל וז' שמות נקראו לו כלא שם גיותו ואל תקשה והא לעיל בפ' שמות גבי וישב משה אל יתר חותנו דמשמע שבשם גיותו היה יתר אין ראייה דהא התם בפרשת שמות כתב נמי ומשה היה רועה את צאן יתרו אלא ודאי ע״ש העתיד וכדפירשתי לעיל ודו״ק ק״ל: ד שלא תאמר חובב בנו של יתרו הוא וכ״פ בהדיא לק' בפסוק ויהי ממחרת וגו': ה (מהרש״ל) וקשה א״כ לא היה לו אלא ו' שמות. וי״ל דרש״י מפרש המכילתא דתניא במכילתא שלא הי״ל רק שני שמות חובב ויתרו ומסתמא הוא סובר שנקרא ג״כ בשם יתר כדכתיב וישב משה אל יתר חותנו אלא שהוא סובר שיתר ויתרו אחד הוא כמו אברם אברהם וא״כ קשה והא כתיב ותבאנה אל רעואל אביהן א״כ משמע בהדיא שנקרא רעואל בשלמא שאר שמות י״ל דמשפחתו נקראת כך דלא כתיב אלא אביהן אבל רעואל קשה לכ״פ וי״א רעואל אביו וכו': ו אע״פ שאין הפרש בין וישמע יתרו חתן משה ובין וישב משה אל יתר חותנו שבשניהם יחד יתרו הוא הנודע עם משה ולא משה עם יתרו שפירוש חותנו כמו חותן נ״מ מ״מ יש הפרש מצד הסיפור שאם הסיפור על משה ומזכיר את יתרו בשם חותנו נראה שכוונת המספר לכבד את משה ואם הסיפור הוא על יתרו ומזכיר את יתרו בשם חותן משה נראה שכוונת המספר הוא לכבד את יתרו: ז דאל״כ לא הל״ל רק לישראל בהרי משה בכלל ישראל הוא אלא לומר לך שקול וכו': ח י״ל דק״ל דודאי את כל אשר עשה קאי על אשר הוציא אותן ממצרים ובהוצאה שייך להקדים ישראל דהא ההוצאה מהשעבוד היה לישראל ולא למשה ולשבטו דהא לא היו המצריים משעבדים בשבטו של לוי כמו שפירש״י בפרשת שמות בשלמא אי הוה אמרי' דמשה היה הטוב יותר מכל ישראל הוי אתי שפיר דהקדים משה לישראל אבל השתא דאמרת דהיה שקול כנגד כל ישראל ולא היה הטוב יותר א״כ הי״ל להקדים ישראל להיות עיקר ההוצאה היתה לישראל כדפי' וא״נ דאיצטריך להקדים משה לישראל ללמד ששקול משה נגד כל ישראל דהא ים ללמוד זה מדהוציא את משה מכלל ישראל

## ענין שמועת יתרו

שמשה ילך למדין להתראות עם חותנו. כי חייב אדם בכבוד חותנו ככבוד אביו. והדרך היה קרוב מאד. כי מדין לא היה רחוק מהר האלהים. כי משה היה רועה צאן יתרו סמוך להר האלהים כנאמר בכתוב וינהג את הצאן אחר המדבר ויבא אל הר האלהים חורבה. וגם כי אשתו ובניו היו במדין. ודרכו של איש לחזור על האשה. ובפרט שמשה חטא נגדה במה ששלחה מאמצע הדרך עם בניה שישובו למדין. והיה מהראוי שילך הוא למדין לפייסה בתשוב אליו עם בניה. וביחוד היה צריך לילך

## דעת זקנים מבעלי התוספות

על שחבב התורה א״כ מאי דכתיב ויאמר משה לחובב וי״ל דמאן דאמר חובב הוא יתרו ומה תלמוד לומר ותבאנה אל רעואל שהתינוקות וגו' ושני שמות נקראו לו יתר על שיתר פרשה אחת בתורה חובב על שחבב התורה ומ״מ קשה דליכא שבע שמות כדפירש רש״י ועוד קשיא דידיה

## לקוטים על התורה

מענטשין פון דיא גאנצע וועלט האבין דאך דאס אלץ גיהערט, נאך אקשיא איז צו וואס זאגט די תורה אז יתרו איז גיוועזן דער כהן פון מדין אונ דער שווער פון משה, דאס ווייסין מיר דאך שוין פון די סדרה שמות, דער תירוץ איז דער מדרש זאגט שלמה המלך האט גיזאגט שלח לחמך על פני המים, שיק דיין ברויט אויף דעם וואסער

## פירוש לתורת אלהים

משה האט גיהערט את אלץ וואס גאט האט גיטאהן צו משה אונ צום פאלק ישראל וואס ער האט פון צווייערטווועגין גישפאלטין דעם ים אונ האט גימאכט נידערין דעם מן אונ האט ווארום מיט פיל טעג שפעטער וועסטו דיין ברויט גיפינען

## ספר הישר

יודין אונ ער זאגט זייא גירעטעט פון מצרים, האט יתרו גינומען זיין טאכטער צפורה דאס ווייב פון משה מיט אירע צווייא קינדער אונ ער איז מיט זייא געקומען אין דער מדבר וואו משה מיט אלע יודין זענען גיוועזן געבין

# עמו כי־הוציא יהוה את־ישראל ממצרים: ב ויקח יתרו חתן משה את־צפרה אשת משה אחר

**אונקלוס**

ולישראל עמיה ארי אפיק יי ית ישראל ממצרים: ב ודבר יתרו חמוהי דמשה ית צפורה אתת

## בעל הטורים

(ב) אשת משה אחר שלוחיה. פי' היא כאשתו אע"פ ששלחה שמלך אין נושאין גרושתו: שם האחד גרשום כי אמר גר וגו' ושם האחד אליעזר כי אלהי אבי בעזרי וגו' ואין כתיב כאן כי אמר איכא למימר אכי אמר דלעיל קאי ועל גרשום כתיב כי אמר כי יש דרש במדרש כשנתן יתרו בתו למשה הוצרך להתנות שיהיה הבן הראשון לע"א ולכך לא נימול עד שפגעו המלאך בדרך ובקש להמיתו ואז מלתו צפורה ומחלה לו התנאי שהתנה עם אביה לכן בכאן כתיב כי אמר כלומר עתה נגלה לכל כי אנוס היה על תנאי הזה כי גר היה והוצרך לעשות מאמר יתרו ומכל מקום על ידי התנאי יצא מנגו יהונתן שנעשה כומר לפסל מיכה לכן לא כתיב כי אמר על אליעזר כי לא היה רוצה לגלות שהרג את הנפש ורצה פרעה להרגו ומיהו בגמ' משמע שאליעזר בן משה לא נימול עד שפגעו המלאך שאמר משה אמול ואצא לדרך סכנה הוא לתינוק וזה היה אליעזר שמשבא למצרים לא מלינו

## ר"שבם

ועשה לישראל נסים על ידו: (ב) אחר שלוחיה. לאחר שהחזירה ושלחה משה ממצרים שלא ראינו עד עכשיו שהחזירה לבית חמיו. וי"מ ואחרי כן שלח לה נדוניתה כדכתיב שילוחים לבת פרעה. ונראה הוא פשט שלא מצינו מקראות בענין זה אלא קודם ששלחה יתרו לה ולבניה במדבר היה לי לכתוב למעלה אחרי פרשת דמים למולות ואח"כ חזר משה ושלחה אצל אביה (לה ולבניה) דוגמת וחם הוא אבי כנען: אחר שלוחיה. כמו ואחר תטהר וכמו שנירשתי אחר נאחז בסבך. קדמו שרים

## רש"י

ובבאר ובעמלק: כי הוציא ה' וגו'. זו גדולה ט על כולם (מכילתא): (ב) אחר שלוחיה. כשאמר לו הקב"ה במדין לך שוב מצרימה ויקח משה את אשתו ואת בניו וגו' ויצא אהרן לקראתו ויפגשהו בהר האלהים. אמר לו מי הם הללו אמר לו זו היא אשתי שנשאתי במדין

## שפתי חכמים

כדפי' לתירוץ ראשון ומתרץ רש"י דאת כל אשר עשה לא קאי אהוצאה אלא קאי אירידת המן וכו' דשייך לכולהו למשה כמו לישראל דהא בההיא טובה היו כולם שוים ולכך הקדים משה לישראל כי עיקר העשייה היה למשה שהסיר הפס תלונות ישראל מעליו במן ובבאר ובעמלק שנלחו משה שהוא היה בישורון מלך בתפלתו ובלבל לו השעות כדאיתא במדרש וק"ל. וכתב להם במקום למשה ולישראל עמו כדי שלא יצריך בדבור כמ"ש בפרשת וירא אל ההאבות במקום אל אברהם אל יצחק ואל יעקב. (ג"א) פי' כדי שלא תאמר למשה כפ"ע עשה נסים ולישראל ג"כ כפ"ע לכ"א להם לכללם יחד שמה שעשה לזה עשה לזה: ט דק"ל כל אשר עשה משמע בעבה גם שאר נסים דאל"כ מאי כל לכך הוסיף וא"ו

## דעת זקנים מבעלי התוספות

אדידיה דהא כתיב דשבעה שמות נקראו לו. ועוד דלמ"ד רעואל זה יתרו צ"ל דחיבב לא זה יתרו ועוד כתיב דחובב זה יתרו דכתיב ומבני חובב חותן משה. ועוד קשיא היכי מצי למימר דנקרא חובב וקני והא כתיב וחבר הקני נפרד מקין וגו' א"כ משמע דהבר הקני בנו של יתרו חותן משה וצ"ע:

## ענין שמועת יתרו

לראות בניו שלידתם היה סימן לכל טובו ומעלתו. כי היה שם האחד גרשם להורות על התחלתו שהיה גר בארץ נכריה ושם האחד אליעזר. ובקראו שם זה אמר כי אלהי אבי בעזרי ויצילני מחרב פרעה. ועכ"ז לא הלך משה אליהם כדי שלא להפסיק דבקותו עם הקב"ה והנהגתו את העם. אבל הקב"ה היה מעורר את לב יתרו להתפלא על כל הנסים שעשה ביציאת מצרים ובקריעת ים סוף ומלחמת עמלק ועוד שארי דברים. וכולם נעשו ע"י משה חותנו. ע"כ הסב בלבו שמשה שזה לפניו שיעשה הוא לו את הכבוד הזה. ויבא לדרך בצאת עם אשתו

## פירוש לתורת אלהים

זייא גיגעבין דעם ברונען מיט וואסער אונ האט זייא גיטאהן אנס זייא האבין איין גענומען דיא מלחמה פון עמלק אונ דאס גרעסטע פון אלץ כי הוציא יי וואס גאט האט אויס גיצויגין דיא ישראל פון מצרים: (ב) ויקח יתרו אונ יתרו חותן משה דער שווער פון משה האט גענומען את צפורה אשת משה צפורה דאס ווייב פון משה אחר שלוחיה נאך דעם ווי משה האט זי אוועק גישיקט.

## לקוטים על התורה

שלמה המלך האט דאס געשמועסט פון יתרו, ווייל יתרו האט גיזאגט צו זיינע טעכטער פאר וואס האט איר אוועק גילאזט דעם מענטש וואס האט אייך געגישעפט די וואסער רופט אים ער זאל עסין פון מיין ברויט, האט יתרו געשיקט זיין ברויט צו משה פאר דעם וואסער, האט ער דאס שפעטער געפונען, ער איז גיווארין דער שווער פון משה אונ האט גיגעסין ברויט צו זאמען מיט אהרן אונ מיט די אלטע יודין פאר גאט, די נסים וואס גאט האט גיטאהן צו דיא יודין אין מצרים אונ ארויסגייענדיג פון מצרים ביד דעם טאג וואס יתרו איז געקומען צו משה. האבין גיהערט דיא גאנצע וועלט, פון דעסטוועגין האבין אלע געזוכט אין דער נאטור פון דער וועלט, טאמער וועט מען קענען זאגין אז משה האט דאס אליין גיטאהן מיט דער נאטור פון דער וועלט, אונ עס איז קיין גאט דא אויף דער וועלט, איבערהויפט בייא דיא צוויי זאכין, ביי דעם ים אונ דיא מלחמה פון עמלק, האבין די אפיקורסים גיזאגט אז דאס איז גיוועזן מיט דער נאטור, דריבער זאגט אונז דיא תורה אויף יתרו אפילו ער איז גיוועזן דער כהן פון מדין וואס ער האט געדינט אלע עכומ"ז, נאר ווייל ער האט זוכה גיוועזן צו זיין דער שווער פון משה, האט ער פארשטאנען אז אפילו דער ים וואס איז גישפאלטין גיווארין אונ אפילו די מלחמה פון עמלק האט ניט משה גיטאהן, נאר את כל אשר עשה אלהים למשה ולישראל עמו. גאט האט דאס גיטאהן דורך משה וועגין זיין פאלק ישראל, אונ ניט משה האט ארויס גענומען די יודין פון מצרים, נאר כי הוציא ה' את ישראל ממצרים, גאט האט ארויס גענומען דיא יודין פון מצרים, אונ ווייל יתרו האט דאס אליין פארשטאנען דריבער איז ער געקומען צו משה, ער זאל זיך מגייר זיין:

## ספר הישר

בארג סיני, משה מיט אהרן אונ נדב ואביהוא אונ אלע יודין זענען געגאנגע קעגין זיין שווער יתרו מיט גרויס כבוד, אונ יתרו מיט זיינע קינדער זענען גיזעסין צווישען דיא יודין פיל יאהרין:

שִׁלּוּחֶיהָ: ג וְאֵת שְׁנֵי בָנֶיהָ אֲשֶׁר
שֵׁם הָאֶחָד גֵּרְשֹׁם כִּי אָמַר גֵּר
הָיִיתִי בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה: ד וְשֵׁם
הָאֶחָד אֱלִיעֶזֶר כִּי־אֱלֹהֵי אָבִי
בְּעֶזְרִי וַיַּצִּלֵנִי מֵחֶרֶב פַּרְעֹה:
ה וַיָּבֹא יִתְרוֹ חֹתֵן מֹשֶׁה וּבָנָיו
וְאִשְׁתּוֹ אֶל־מֹשֶׁה אֶל־הַמִּדְבָּר
אֲשֶׁר־הוּא חֹנֶה שָׁם הַר הָאֱלֹהִים:

מֹשֶׁה בָּתַר דְּפַטְרַהּ: ג וְיָת
תְּרֵין בְּנַהָא דִּי שׁוּם חַד
גֵּרְשֹׁם אֲרֵי אֲמַר דַּיָּר
הֲוֵיתִי בַּאֲרַע נוּכְרָאָה:
ד וְשׁוּם חַד אֱלִיעֶזֶר אֲרֵי
אֱלָהֵיהּ דְּאַבָּא הֲוָה
בְּסַעֲדִי וְשֵׁיזְבַנִי מֵחַרְבָּא
דְּפַרְעֹה: ה וַאֲתָא יִתְרוֹ
חֲמוּהִי דְּמֹשֶׁה וּבְנוֹהִי
וְאִתְּתֵיהּ לְוָת מֹשֶׁה
לְמַדְבְּרָא דִּי הוּא שָׁרֵי
תַמָּן לְטוּרָא דְּאִתְגְּלִי
עֲלוֹהִי יְקָרָא דַּיְיָ:

## בעל הטורים

שהיה לו בן אח"כ: (ה) חונה. ב' במסורה. הכא ואידך חונה מלאך ה' סביב ליראיו מלמד שלא הוצרך יתרו לשאול על אהל משה אלא ראה ענן קשור עליו וכזה הכ וזהו חונה מלאך ה' סביב ליראיו אל המדבר אשר הוא חונה שם:

## שפתי חכמים

באלו כתיב וכי הוציא וק"ל למה הוציא יציאת מצרים מן הכלל אלא לומר זו גדולה כו': י משום דמשה לא הקפיד אלא על אשתו שלא ישתעבדו בה מצרים אבל בבניו לא הקפיד דאף אם היו בניו שם לא היו משתעבדין בהן שהרי לא היה השיעבוד על שבט לוי כדפירש"י בפרשת שמות: ב ע"ל בפרשת שמות על פ' מי ישום

## רש"י

ואלו בני. אמר לו להיכן אתה מוליכן אמר לו למצרים אמר לו על הראשונים אנו מצטערים ואתה בא להוסיף עליהם אמר לה לכי לבית אביך י נטלה שני בניה והלכה לה: (ד) ויצילני מחרב פרעה. כשגילו דתן ואבירם על דבר המצרי ובקש להרוג את משה נעשה צוארו ב כעמוד של שיש (מכילתא): (ה) אל המדבר. אף אנו יודעים שבמדבר היה אלא בשבחו של יתרו דבר

## ענין שמועת יתרו

זבניו [כדאיתא בזוהר] ועם אשת משה ובניה והלכו כולם אל המדבר אשר משה חונה שם. ומהרי"א כתב כי אין ספק שיתרו הביא אתו עגלות ואתונות נושאות בר ולחם ומזון למשה ולכל אוהביו לעשות להם כרה וסעודה גדולה כמו שאמר הכתוב לאכול לחם עם חותן משה לפני האלהים ולאן ובקר כי מהם לקח להקריב את קרבנו. ויהיה מחכמת יתרו שלא התראה אל משה פתאום אבל שלח שליח לפניו לבשר לו בשורת בואו עם אשתו ובניו. וכדי שלא יאמר משה ליתרו אתה לא באת בעבורי אלא כדי ללוות את בתך. הוצרך לומר לו עוד ואשתך ושני בניה עמה. ע"כ לא הייתי צריך ללוותה ולבא אתה. אלא שאני בא אליך לאהבתי אותך הטרחתי עצמי כזה. וספר הכתוב שיצא משה לקראת חותנו. ולא יצא לקראת אשתו ובניו. כי אין ראוי לאדם [וכפרט משה] שיצא לקראת אשתו או לקראת בניו. אבל יצא משה לקראת חותנו מפני כבודו ומפני שהטריח עצמו לבא

## פירוש לתורת אלהים

װארום אז הקב"ה האט געזאגט צו משה אין מדין גיי צוריק אין מצרים האט משה מיט זיך גענומען דאס ווייב מיט זיינע קינדער און איז געגאנגען אין מצרים איז אהרן געקומען אקעגין אים און האט אים געפרעגט ווער זענען די מענטשין וואס דו פירסט מיט דיר האט משה געזאגט דאס איז מיין ווייב און דאס זענען מיינע קינדער האט אהרן אים געפרעגט ווי אהין פירסטו זייא האט משה געענטפערט איך פיר זייא אין מצרים האט אהרן געזאגט אויף דיא ערשטע וואס זענען שוין אין מצרים זענען מיר זיך מצער און דו ווילסט נאך מער מענטשין אריין ברענגען האט משה זיין ווייב מיט די קינדער אום געקערט אין מדין און אצונד אז יתרו האט געהערט דיא ישראל זענען ארויס געגאנגען פון מצרים האט ער גענומען זיין טאכטער צפורה און האט זיא אפ געפירט צו איר מאן משה: (ג) ואת שני בניה און אירע צוויי זוהן האט ער אויך מיט זיך גענומען אשר וואס שם איינער האט געהייסן גרשום און פאר וואס האט משה אנאמען געגעבן גרשום כי אמר ווארום משה האט געזאגט גר איך בין געוועזן עלינט אין א פרעמד לאנד: (ד) ושם האחד און איינער האט געהייסן אליעזר און פאר וואס האט ער אים א נאמען געגעבן אליעזר כי ווארום משה האט געזאגט אלהי דער גאט פון מיין פאטער איז געוועזן אין מיין הילף ויצילני און ער האט מיך מציל געוועזן פון דער שווערד פון פרעה, (רש"י שרייבט ווען דתן מיט אבירם האבין געזאגט פאר פרעה אז משה האט דעם מצרי געהרגת האט פרעה געהייסן מען זאל אים הרגנן איז געווארין דער האלדז פון משה וויא מירמעל שטיין און מען האט אים ניט געקאנט מיט דער שווערד דעם קאפ אראפ נעמען: (ה) ויבא יתרו און איז יתרו געקומען חותן משה דער שווער פון משה ובניו און זיינע זוהן ואשתו און זיין ווייב זענען געקומען אל משה צו

ו ויאמר אל־משה אני חתנך יתרו
בא אליך ואשתך ושני בניה עמה׃
ז ויצא משה לקראת חתנו וישתחו
וישק־לו וישאלו איש־לרעהו

ו ואמר למשה אנא חמוך
יתרו אתי לותך ואתתך
ותרין בנהא עמה׃
ז ונפק משה לקדמות
חמוהי וסגיד ונשיק ליה
ושאילו גבר לחבריה

## רשב"ם

אחר נוגנים: (ו) ויאמר שליח יתרו אל משה:

## רש"י

הכתוב שהיה יושב בכבודו של ע"לם ונדבו לבו לצאת אל המדבר מקום תהו לשמוע דברי תורה: (ו) ויאמר אל משה. ל ע"י שליח: אני חותנך יתרו וגו'. (מכילתא) אם אין אתה יוצא בגיני צא בגין אשתך מ ואם אין אתה יוצא בגין אשתך צא בגין נ שני בניה: (ז) ויצא משה. כבוד גדול נתכבד יתרו באותה שעה כיון שיצא משה ם יצא אהרן נדב ואביהוא ומי הוא שראה את אלו יוצאין ולא יצא: וישתחו וישק לו. איני יודע מי השתחוה למי כשהוא אומר איש לרעהו מי הקרוי איש

## שפתי חכמים

וגו' או עוד: ל מדכתיב אחריו ויצא משה לקראת חותנו יהא דכתיב אני חותנך בא יש לומר דכן אמר יתרו לשליח שיאמר כשמו כן: מ דאם לא כן הי"ל אני חותנך יתרו ואשתך וגו' באים אליך ולמה הפסיק בין יתרו ואשתך וגו' אלא הכי אמר לי' אני בא אליך ולא בגיני וכו' ואם אין (נח"י) ולי נראה דמלשון אני דייק: נ י"ל כיון דלריך לדרוש כן לעיל גם הכא לריך לדרוש כן הרא"ם: ם דק"ל מה כבוד היה ליתרו שמשה לבד יצא לקראתו ועוד שהוא זלזול שמשה מלך ונשיא היה וגנאי וכזיון הוא למלך

## דעת זקנים מבעלי התוספות

(ז) וישתחו איני יודע מי השתחוה למי כשהוא אומר איש לרעהו מי הוא הקרוי איש זה משה שנ' איש האלהים וקשה דהא יתרו נמי קרוי איש שנאמר ויואל משה לשבת את האיש וגו'. וי"ל דנין איש מאיש ואין דנין איש

## ענין שמועת יתרו

לראותו. וישתחו וישק לו. ר"ל שהשתחוה משה ליתרו ונתן לו חן חן על ביאתו ואז שאל איש לרעהו לשלום. ר"ל כל אחד מהם שאל לרעהו השלום לו בגופו ונפשו ומאודו. ויבואו האהלה ר"ל לאהל משה שהיה לו אהל מיוחד. ושם ספר משה לחותנו כל אשר עשה ה' לפרעה ולמצרים על אודות ישראל. ומחמת שיתרו היה מחסידי או"ה לכן שמח לבו ויגל כבודו בטוב' ישראל והצלחתם. ונכנע לכבודו של מקום ונתן לאהרן עולה וזבחים להקריבם על המזבח שבנה משה אחרי מלחמת עמלק וקרא אותו ה' נסי. וישבו לאכול לחם מבשר זבח השלמים וגם לחם ממש ממה שהביא יתרו ממדין:

## פירוש לתורת אלהים

משה אין צו דער מדבר וואס משה רופט דארטין הר ביא דעם בארג פון גאט: (ו) ויאמר אל משה יתרו האט געשיקט אשליח צו משה ער זאל זאגין פון זיינעט וועגין אני איך דיין שווער יתרו קום צו דיר ואשתך אונ דיין ווייב ושני אונ אירע צוויי זוהן קומען אויך מיט איר. [רש"י שרייבט יתרו האט אים געשיקט זאגין איך בעט דיך זאלסט גיין אקעגין מיר אונ אז דו ווילסט ניט גיין פון מיינעט וועגין ואשתך גייא פון דיין ווייב וועגין אונ אויב — ווילסט ניט גיין פון דיין ווייב וועגין ושני גייא פון דיינע צוויי זוהן וועגין]: (ז) ויצא משה לקראת חותנו איז משה ארויס געגאנגען אקעגין זיין שווער וישתחו אונ ער האט זיך געבוקט וישק לו אונ ער האט אים געקושט וישאלו האט

## לקוטים על התורה

(ו) ויאמר אל משה אני חתנך יתרו בא וגו'. דער אלשיך שרייבט יתרו האט גיזאגט צו משה איך אונ דיין ווייב מיט דיינע קינדער זענען מיר געקומען וועגין צוויי זאכין, איך בין געקומען צום בארג וואס דארט וועט גיזעהן ווערין די שכינה, ווייל איך וויל מיך מגייר זיין, נאר ווייל איך בין דיין שווער בין איך געקומען צו דיר אויך, אונ מיין טאכטער צפורה איז געקומען צו דיר ווייל זיא איז דיין ווייב, אונ דיינע צווייא קינדער זענען געקומען מיט איר, ווייל זיא איז געקומען זענען זיי מיט געקומען, אונ דער יושר איז אז דו זאלסט זיא אויך גענענען צו אלע יודישע ווייבער, אונ דיינע קינדער זאלסטו גענענען צו זאמען מיט אלע יודין, מיר זאלין ווערין אלע איין פאלק מיט די יודין צו זאמען:

(ז) וישאלו איש לרעהו לשלום וגו'. ויספר משה לחתנו וגו'. נאכדעם ווי משה האט גיפרעגט צו יתרו אויף זיין פרידען, אונ ער האט אים געקושט אונ האט זיך געבוקט צו אים, וויא דער דין איז, דרך ארץ איז פריער פאר תורה, האט משה דערציילט צו יתרו אנייע זאך וואס יתרו האט נאך ניט געוואסט, אונ יתרו האט גיקענט פרעגין אקשיא, האט אים משה דיא קשיא באלד גיענפערט, יתרו האט גיוואלט פרעגין אז גאט האט גיוואלט ארויס נעמען דיא יודין פון מצרים האט ער דאך גיקענט ארייז געבין רחמנות אין דיא הארץ פון פרעה אונ די מצריים, זיי זאלין ניט אזוי שווער ארבעטין מיט דיא יודין, אונ אויב די יודין זאלין וועלין ארויס גיין פון מצרים, זאלין דיא מצריים זייא ניט פארהאלטין [אזוי וויא עס איז גיוועו ווען דיא יודין זענען ארויס געגאנגען פון בבל, האט גאט דערוועקט דאס הארץ פון מלך כורש אונ ער האט אויסגערופין ווער עס וויל גיין אין ארץ ישראל מעג גיין], אונ ווען אפילו גאט האט גיוואלט שלאגין פרעה, צו וואס האט ער אים געשלאגין מיט צעהן פערשידענע מכות, עס האט דאך גיקענט גענוג זיין איין מכה אשטארקע זיא זאל ניט אוועק גיין פון די מצריים ביז זיי וועלין מוזין ארויסשיקען דיא יודין פון מצרים, האט משה גיזאגט צו יתרו אלץ וואס גאט האט גיטאהן צו פרעה אונ די מצריים, דאס איז נאר גיוועזן וועגין דיא יודין, פון די מכות האבין די יודין דערקענט דעם כח פון גאט [ווי גאט האט גיזאגט צו משה אין אנהייב סדרה בא, קום צו פרעה ווארום איך

לְשָׁלוֹם וַיָּבֹאוּ הָאֹהֱלָה׃ ח וַיְסַפֵּר מֹשֶׁה לְחֹתְנוֹ אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָה לְפַרְעֹה וּלְמִצְרַיִם עַל אוֹדֹת יִשְׂרָאֵל אֵת כָּל־הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתַם בַּדֶּרֶךְ וַיַּצִּלֵם יְהוָה׃

**אונקלוס**

לִשְׁלָם וְעָלוּ לְמַשְׁכְּנָא׃ ח וְאִשְׁתַּעִי מֹשֶׁה לַחֲמוּהִי יָת כָּל דִּי עֲבַד יְיָ לְפַרְעֹה וּלְמִצְרָאֵי עַל עֵיסַק יִשְׂרָאֵל יָת כָּל עָקְתָא דִּי אַשְׁכַּחְתִּנּוּן בְּאוֹרְחָא ושיזבינון

## רשב"ם

(ח) התלאה אשר מצאתם בדרך. ורדיפת פרעה לים. ומן ובשר שנתן להם הקב"ה:

## רש"י

זה משה ע שנאמר והאיש משה (מכילתא): (ח) ויספר משה לחתנו. למשוך את לבו פ לקרבו לתורה (מכילתא): את כל התלאה. שעל הים ושל עמלק (מכילתא): התלאה. למ"ד אל"ף מן היסוד של תיבה והתי"ו הוא תיקון ויסוד הנופל ממנו לפרקים וכן תרומה תנופה

## שפתי חכמים

לצאת יחידי לכן פירש וכיון שיצא מסתמא יצא אהרן וכו' ומסברא דנפשיה קאמר הכי: ע קשה הרי מלינו שגם יתרו נקרא איש שנאמר ויואל משה לשבת את האיש. (נח"י) ולי נראה דהאיש דגבי משה מיותר דהוי ליה ליכתוב ומשה עניו מאוד אלא להראות שמשה נקרא איש אבל ויואל משה לשבת את האיש הוה כאלו כתיב את רעואל: פ דאם לא כן למה סיפר לו הא כבר שמע הכל כדכתיב וישמע יתרו:

## דעת זקנים מבעלי התוספות

מהאיש. עוד י"ל שמשה נקרא איש סמך לשמו שנאמר והאיש משה משא"כ ביתרו. ועוד י"ל דהך דרשא אתיא כמ"ד אביו של יתרו הי' רעואל והא דכתיב ויתן לו את צפורה בתו לאשה בת בנו קאמר דבני בנים הרי הן כבנים:

## לקוטים על התורה

האב שווער געמאכט דיא הארץ זיינע ער זאל ניט וועלין ארויסשיקען די יודין פון מצרים ביז איך וועל אים ברייננגען די אלע מכות, איר זאלט האבין צו דערציילין, די וואנדער פון מצרים צו אייערע קינדער אונ אייניקלעך וואס איך האב געלאכט פון מצרים אונ פון דיא וואנדער וועט איר וויסען אז איך בין גאט], אונ דיא אלע אומגליקען וואס די יודין האט גיטראפין אין וועג פון מצרים ביז דעם ארט אונ גאט האט זיי גירעטעט איז אויך גיוועז וועגין דעם די יודין זאלין דערקענען דעם כח פון גאט:

## פירוש לתורת אלהים

אייגער דעם אנדערין גיפרעגט צו שלום ויבאו אונ זיי זענען געקומען אין גיצעלט. ורש"י שרייבט יתרו האט דערנסטמאהלט אגרויסין כבוד געהאט ווארום אז משה איז אים אקעגין גענאנגען איז שוין אהרן מיט זיינע זוהן נדב אונ אביהוא אויך מיט אים געגאנגען אונ אז דיא ישראל האבין גיזעהן זייא גייען זענען זייא שוין אלע ארויס געגאנגען אקעגין יתרו: (ח) ויספר משה לחותנו האט משה דער ציילט צו זיין שווער את אלע זאכין וואס גאט האט גיטאהן צו פרעה אונ צו די מצריים על וועגין דיא ישראל אונ נאך האט ער אים דער ציילט את גאר דאס מידעקייט אשר וואס האט גיטראפין דיא ישראל אויף דעם וועג בייא דעם ים אונ דיא מלחמה פון עמלק ויצילם יי אונ גאט האט זייא מציל גיוועז פון דעסטוועגין האט דאס משה אים דער ציילט ער זאל אים ציהען דאס

## משלי חכמים

(ח) ויספר משה לחותנו וגו'. איז דאך אקשיא וואס האט משה געדארפט דערציילין צו יתרו וואס גאט האט גיטאהן צו דיא יודין, יתרו האט דאך שוין אלין גיהערט וואס גאט האט גיטאהן צו דיא יודין, נאך פריער איידער ער איז געקומען צו משה, נאר יתרו האט גיהערט אנדערש וויא משה האט אים דערציילט, למשל אסוחר איז גיפארין אין וועג האט ער גיהערט וויא איינער שרייט מען זאל אים ראטעווען, דער סוחר איז געשווינט גיפארין צו דעם ארט, האט ער גיזעהן וויא איינער שלאגט דעם אנדערין, האט ער זיי אפגעשיידט איינעם פון אנדערין אונ האט דארט געווארט ביז יעדער פון זייא איז אוועק נעגאנגען זיין וועג, אז ער האט גיזעהן זיי זענען שוין ווייט איינער פון אנדערין איז ער אוועק גיפארין זיין וועג ווייטער, דיא רעטטונג איז נאך קיין גאנצע רעטטונג, ווארום עס קען זיין ביז ער וועט קומען אהיים וועט אים איין אנדערער טרעפין אין וועג אונ וועט אים אויך שלאגין, דריבער ווערט דיא רעטטונג גערופין הוציא, דער סוחר האט איצט אויסגעצויגין דעם מענטש פון זיין אומגליק. אבער אז דער סוחר האט גיזעהן אז דער מענטש וואס מען האט אים גישלאגין איז זיין זוהן, דא וועט שוין דער סוחר טאהן צוויי זאכין, ערשטונס וועט ביי אים זיין וויינינג וואס ער וועט דעם שלעגער אפשיידין פון זיין זוהן, ער וועט זוכען צו נעמען אנקמה פון דעם שלעגער, ער זאל אים שלאגין אזוי וויא ער האט גישלאגין זיין זוהן, אונ עס וועט ביי אים זיין וויינינג וואס ער וועט דעם זוהן אוועק שיקען פון דעם ארט, ער וועט מורא האבין טאמער וועט אים אין וועג טרעפין איין אנדערער אומגליק, נאר ער נעמט שוין דעם זוהן נעבין זיך ביז ער וועט אים ברייננגען אהיים, דאס ווערט שוין גערופין גירעטעט, דאס זאגט דיא תורה, יתרו האט נאר גיהערט דיא מצריים האבין שלעכטס גיטאהן דיא יודין, כי הוציא ה' את ישראל ממצרים. האט גאט ארויס גענומען די יודין פון מצרים, ער האט אפגעשיידט די יודין פון די מצריים, אבער וואס איז גיווארין מיט דיא יודין נאכדעם וויא זיי זענען ארויס געגאנגען פון מצרים אונ וואס וועט ווייטער זיין מיט דיא יודין, דאס האט יתרו ניט געוואסט, איצט האט משה דערציילט צו יתרו אלע וואס גאט האט גישלאגין צו פרעה אונ צו די מצריים פון וועגין דיא

ט וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ עַל כָּל־הַטּוֹבָה אֲשֶׁר־
עָשָׂה יְהוָה לְיִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הִצִּילוֹ
מִיַּד מִצְרָיִם׃ י וַיֹּאמֶר יִתְרוֹ בָּרוּךְ

## אונקלוס

וְשֵׁיזְבִינוּן יְיָ׃ ט וַחֲדִי
יִתְרוֹ עַל כָּל טַבְתָא דִי
עֲבַד יְיָ לְיִשְׂרָאֵל דִי
שֵׁיזְבֵיהּ מִידָא דְמִצְרָאֵי׃
י וַאֲמַר יִתְרוֹ בְּרִיךְ יְיָ

**תו"א** ויחד יתרו . סנהדרין נד : ויאמר יתרו . ברכות נד :

## בעל הטורים

(ט) ויחד יתרו . שיחד לבו לאל אחד ונעשה יהודי . ד"א מלמד שנעשה בשרו חדודים חדודים על אבדן מצרים : ויחד יתרו על . בגימ' הן עלה בשרו חדודים :

## רשב"ם

(ט) ויחד . מגזירת (חדה) [חדוה] כמו עוז וחדוה (ביון) (ס"א ביו"ד) כל תיבה של בג"ד כפ"ת שמגזרת חטופי למד פעל שסופם דגשים כמו בכה ויבך . מן פתה . ויפת בסתר לבו . יפת אלהים ליפת . אל תוסף על דבריו . מן שבה וישב :

## רש"י

תקומה תנוחה : (ט) ויחד יתרו . וישמח יתרו זהו פשוטו (סנהדרין צד) ומ"א נעשה בשרו חדודין חדודין מיצר על אבוד מצרים היינו דאמרי אינשי גיורא עד עשרה דרי לא תבזי ארמאה באפיה : על כל הטובה . טובת המן והבאר והתורה (מכילתא) . ועל כולן אשר הצילו מיד מצרים עד עכשיו לא היה עבד יכול לברוח ממצרים

## שפתי חכמים

צ פירוש קמטין קמטין והוכחתו מדמיגה מלת וישמח וכתיב ויחד : ק דאם לא כן כויחד יתרו להוד סגי כיון דקאי אדלעיל דכתיב ויספר משה וכו' אבל מוציאם ה' דלעיל לא משמע לה דהתם כמה שנעשה לפרעה ולמצרים שעל ידם היתה

### דעת זקנים מבעלי התוספות

(ט) ויחד פירש רש"י נעשה בשרו חידודין חידודין וגו' ואמר רבינו תם דמצא סמך לדבר כפירש"י ולשישק עבד מצרי ירחע ויתן את בתו לירחע עבדו לאשה חשיב י"ג בירחע עבד שישק עד אלישמע ודריש בפסוק זה

## פירוש לתורת אלהים

הארץ מקרב זיין צו דער תורה : (ט) וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ אונ יתרו האט זיך גיפרייט על אויף גאר דעם גוטס אשר וואס גאט האט גיטאהן צו דיא ישראל וואס ער האט זיי גיגעבין דעם מן אונ דעם ברונען מיט וואסער אונ נאך אנדערע טובות אונ איבער אלע טובות איז דאס דאך מיין אשר הצילו וואס ער האט דיא ישראל מציל גיוועו פון דיא הענט פון דיא מצריים ווארום ביז אין דער צייט האט אקנעכט ניט געקאנט אנטלויפין פון מצרים מחמת עס איז גיוועו אפאר שלאסין לאנד אונ אצונד זענען ארויס גענאנגען זעקס מאהל הונדערט טויזענד יודין , דער מדרש שרייבט ויחד . איז טייטש עס האט אים גישטאכין מחמת עס האט אים באנג גיטאהן ווס די מצרים זענען פאר לארין גיווארין דאס איז וואס מען זאגט אפילו ביז דעם צעהנטין דור וואס ער קומט ארויס פון אגר זאל מען פאר אים עובדי כוכבים ניט פארשעמען : (י) ויאמר

## לקוטים על התורה

בַּצָאהְלִין, טָאר נִיט רְאוּבֵן גֵיין אַקֶעגִין דֶעם מֶענְטְשׁ. ווַייל דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט מֵיינֶען אַז רְאוּבֵן ווִיל אִים שׁוֹין מָאנֶען דָאס גֶעלְט, וֶועט עֶר דֶערְשְׁרָאקִין אוּנ פַארְשֶׁעמְט וֶוערִין, אוּנ אַזוֹי וִוי דֶער מַלְוֶה טָאר נִיט מָאנֶען דֶעם לֹוֶה וֶוען דֶער לֹוֶה הָאט נִיט צוּ בַּצָאהְלִין, אַזוֹי אִיז דֶער דִין אויבּ דֶער לֹוֶה הָאט יָא צוּ בַּצָאהְלִין, טָאר עֶר נִיט הַאלְטִין דָאס גֶעלְט בַּיי זִיךְ, נָאר דֶער לֹוֶה מוּז בַּאלְד בַּצָאהְלִין דֶעם מַלְוֶה וָואס עֶר אִיז אִים שׁוּלְדִיג, אוּנ דַער וָואס הָאט יָא גֶעלְט צוּ בַּצָאהְלִין צוּ דֶעם מַלְוֶה דֶעם חוֹב אוּנ עֶר וִויל נִיט בַּצָאהְלִין, הֵייסְט עֶר אַ רָשָׁע, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם. דֶער לֹוֶה וָואס בַּצָאהְלְט נִיט וָואס עֶר הָאט גִיבָּארְגְט אִיז עֶר אַ רָשָׁע:

לֹא תְשִׂימוּן עָלָיו נֶשֶׁךְ. אַז דֶער מַלְוֶה פַארְבָּארְגְט גֶעלְט צוּם לֹוֶה אוֹיף פְּרָאצֶענְט, טָאר מֶען נִיט זַיין אַ עֵדוּת

השמש תשיבנו לו: כו כי הוא כסותה* לבדה הוא שמלתו לערו במה ישכב והיה כי־יצעק אלי ושמעתי כי־חנון אני: רביעי חצי הספר

*כסותו קרי

אונקלוס

שמשא תתיבניה ליה: כו ארי היא כסותיה בלחודיה היא תותביה למשכיה במא ישכוב ויהי ארי יקביל קדמי ואקביל קבילתיה ארי

## רשב"ם

עד בא השמש. כל היום השיבהו לו כי חכמים פירשוהו בכסות יום: (כו) ושמעתי כי חנון אני. אע"פ שמן הדין יש לו משכון אינו חייב להחזירו אלא לפנים משורת הדין ולא היה לו לשמוע צעקתו אם לא מפני שרחום וחנון אני. אבל למעלה אצל אלמנה ויתום לא תענון כתוב שמוע אשמע צעקתו. הואיל ומן הדין שומע הקדוש ברוך הוא צעקתו לפיכך לא כתוב שם כי חנון אני:

## רש"י

עד בא השמש תשיבנו לו. כל היום תשיבנו לו עד בא השמש וכבוא השמש תחזור ותטלנו עד שיבא בקר של מחר א ובכסות יום הכתוב מדבר שאין צריך לה בלילה (מכילתא): (כו) כי הוא כסותה. זו טלית: שמלתו. זו חלוק: במה ישכב. לרבות את המצע:

## שפתי חכמים

א (נח"י) מפני שכתוב במה ישכב וגו' מובן שבכסות לילה מדבר והא דכתיב עד בא השמש תשיבנו יהיה פירושו קודם ביאת השמש כמו עד בואי אליך או עד בא השמש יהיה בידך ואח"כ

## דעת זקנים מבעלי התוספות

(כו) והיה כי יצעק אלי. לפי שהוא קור' תגר לפני ואומר והלא בראתני כמותו והוא שוכב על מטתו בהנאה ואני אין לי במה לשכב ומיהו לישנא דושמעתי כי חנון אני אינו מיושב לזה הפי' לכן נראה לפרש דקאי אדלעיל עד בא השמש וגו' ואם אתה עושה כן והיה כי יצעק אלי ויתפלל עליך על כל הטובה שעשית לו ושמעתי תפלתו כי

## עניני חקים מצות ומשפטים

(כו) והיה כי יצעק אלי ושמעתי וגו'. כאשר העני הוא בדחקו הוא הולך אל העשירים מכיריו לבקש מהם שיעזרוהו או במתנת חנם או בהלואה. וע"ז מוכרת הקב"ה כביכול לצוות להעשיר לבל ישיבנו ריקם רק נתון תתן לו. ואם לא יתן לו במתנה. לפחות ילונו. ואם שעני לא יוכל לשלם לו הלואתו כ"כ מהר. יהי' העשיר נזהר שלא יתבענו. ואם העשיר יראה את העני הולך בשוק יתחבא העשיר וילך בצד אחר ולא יעבור לפני העני יחרד ויבהל ויתביים פן יתבע ממנו את הלואתו והוא אין לו לשלם. ע"כ הזהירה התורה לא תהיה לו כנשה. לא נושה לבד אסור אלא אף כנושה אסור. גם לא יאמר העשיר להעני לפחות תתן לי איזה ריוח עבור מעותי המונחים אצלך כ"כ זמן. אילו היו המעות בידי הייתי מרויח בהם. ע"ז הזהירה התורה לא תשימון עליו נשך. ואולי יאמר המלוה להלוה תן לי משכון

## פירוש לתורת אלהים

גייט כלומר אויף אנאנצען טאג תשיבנו לו זאלסטו אים אום קערין דעם משכון אונ אז דיא זון פאר גייט זאלסטו דאס ווידער נעמין, דאס איז בייא אזוי אמשכון וואס ער גייט אין אים בייא טאג אבער אזוי אמשכון וואס ער בדארף אים בייא דער נאכט מוז ער אים פאר נאכט אום קערין אונ אין דער פריה זאל ער אים ווידער נעמין: (כו) כי הוא כסותה ווארום דאס איז זיין קלייד לבדה אליין הוא שמלתו דאס איז זיין קלייד לעורו צו זיין לייב במה אויף וואס וועט ער ליגען דען אז דו וועסט אים ניט אפ געבין והיה אונ עס וועט זיין כי אז ער וועט שרייען צו מיר ושמעתי וועל איך דאס הערין כי ווארום איך בין אדערבארמיגער:

## לקוטים על התורה

ארעם, אונ ווער עס האט געמאכט דעם מענטש ארעם וועט ער אים מאכין רייך, אויף דער וועלט איז ניטא קיין ערגערע זאך ווי ארעמקייט, ווען דער שטן האט אנגירעט גאט ער זאל פרובין איוב, האט גאט גיזאגט צו איוב וואס ווילסטו בעסער יסורים אדער ארעמקייט, האט איוב גיזאגט איך נעם אויף מיר אלע יסורים וואס זענען דא אויף דער וועלט, נאר ניט ארעמקייט, אז איך וועל זיין הונגעריג אונ וועל גיין אין גאס אונ וועל זעהן עסינווארג אונ וועל ניט האבין מיט וואס צו קויפין, וואס וועל איך עסין, זעהן מיר אז ארעמקייט איז ערגער פון אלע יסורים, די מדות פון גאט זענען ניט ווי די מדות פון אמענטש, אז אריכער מענטש האט אארעמען קרוב, פארלייקנט ער אים, אז דער רייכער זעהט דעם ארעמען קרוב גייענדיג אין גאס, בעהאלט ער זיך פאר אים ווייל ער שעמט זיך מיט אים צו שמועסין, אונ אויב דער קרוב וואלט גיוועזן רייך וואלטין זיך אלע בהעפט צו אים אונ אלע וואלטין אים ליב געהאט, אבער ביי גאט איז ניט אזוי, אז גאט זעהט אארעם מאן בהעפט ער זיך צו אים, ווי דער נביא ישעיה האט גיזאגט אזוי האט גאט גיזאגט צו דעם מענטש וועל איך קוקען צו דעם וואס איז ארעם אונ האט אצובראכענעם מוהט אונ האט מורא פאר מיינע רייד, דער מענטש וואס פארבארגט זיין געלט אויף פראצענט איז גלייך ווי ער וואלט גיטאהן אלע עבירות פון דער

## משלי חכמים

פיש צו עסין, בעסער אונ מער מצוה איז גיוועזן אז ער וואלט דיא סעודה גינעבין צו ארעמע מענטשן, ווען עסין זייא דען אשטיקול פלייש אדער אשטיקול פיש, אמאהל אפילו שבת אויך ניט, דאס זעלביגע איז ביי דעם געלט פארבארגין, דער

## מצות השם

אויף דעם חוב, אונ מען טאר ניט שרייבין אוועקסיל פון זייערטוועגין, אונ מען טאר ניט זיין אמעקלער אז דער מלוה זאל פארבארגין דעם לוה געלט אויף פראצענט, אונ מען טאר ניט זיין אערב, מען זאל זאגין צום מלוה אויב דער לוה וועט דיר ניט בצאהלין דעם חוב מיט דעם פראצענט, וועל איך דיר בצאהלין פון זיינעטוועגין, טאר מען ניט, דער מלוה טאר ניט נעמען פראצענט אונ דר לוה טאר ניט געבין פראצענט דער דין איז ביי זכרים אונ נקבות:

ס כז אֱלֹהִים לֹא תְקַלֵּל וְנָשִׂיא בְעַמְּךָ לֹא תָאֹר: כח מְלֵאָתְךָ וְדִמְעֲךָ

חַנָּנָא אֲנָא: כז דַּיָּנָא לָא תָקִיל וְרַבָּא בְעַמָּךְ לָא תְלוּט: כח בִּכּוּרָךְ וְדִמְעָךְ

תו"א אלהים לא. סנהדרין נו סו: ונשיא בעמך. יבמות כב כ"ק לד מליעא מח סב בתרא ד סנהדרין פה מכות ח: מלאתך ודמעך. בכורות ב תמורה ד ס

## רשב"ם

(כז) אלהים לא תקלל ונשיא בעמך לא תאור. דבר הכתוב בהווה לפי שהמלכים והדיינים דנין דיני ממונות ונפשות רגילין בני אדם לקללם. וכן הוא אומר גם במדעך מלך אל תקלל. וכה"א כי קללת אלהים תלוי כשרואים את אדם תלוי מקללים את הדיינים לכך ציוה לא תלין נבלתו: (כח) מלאתך ודמעך לא תאחר. זה הוא שכתוב ראשית דגנך תירושך ויצהרך. המלאה תרומת התבואה. כדכתיב המלאה הזרע. ודמעך הוא התירוש. ושמן זית יצהר שהם צלולים וכעין דמעה

## בעל הטורים

כ"ד מוסיר שלא יקלל הדיין: (כז) אלהים. בגימטריא הוא דיין. ונשיא בגי' וכל שהוא (בעמך) וסמיך ליה מלאתך דאיירי בבכורים דכתיב בהו ברכת השקיפה והמקלל אים הפך ברכה:

## שפתי חכמים

הסיבנו ל"פ בכסות יום וכו' לפי שבכסות לילה נתבאר בפרשת הלא ושכב בשלמתו והא דמסיי' במה ישכב לרבית גם כסות לילה (ב"מ קיד) ואם תאמר ונ"מ שממשכנין אותו כיון שלריך להזור לו משכונו בכר תירץ בגמרא דמהני ליה שאין שביעית משמטתו ושלא יעשו מטלטלין אלל בניו דמטלטלי דיתמי לא משתעבדי לב"ח: ב (נח"י) סנהדרין ס"ו ר"י סבר אלהים חול ואזהרה לדיין ור"ע סבר אלהים קדש ואזהרה לברכת השם וכין למ"ד חול וכין למ"ד קידש גמרינן תרווייהו מדלא כתיב לא תקל ופירש"י תקלל שתי קללות במשמע ואלהים שתי לשונות יש בו הלכך דרשינן תקלל אתרווייהו ע"ש: ג לא שכל אדם לא יאמר

## רש"י

(כז) אלהים לא תקלל. (סנהדרין סו) הרי זו אזהרה לברכת השם ואזהרה גם ב לקללת דיין: (כח) מלאתך. חובה המוטלת עליך ג כשתתמלא תבואתך להתבשל והם בכורים: ודמעך. התרומה ואיני יודע מהו לשון דמע:

## עניני חקים מצות ומשפטים

על מעותי כי תפלס לי באיזה זמן. ע"ז הזהירה התורה אזהרות איך יתנהג עם המשכון. ויאמר הקדוש ברוך הוא כמה שכל הוא העני הזה. והיה כי יצעק אלי. הלא יותר טוב הי' לו אם לא ליה מן העשיר. רק הי' צועק אלי שאנכי אתן לו. ובמעתי צעקתו. והייתי מראה לו מקום פירוח ולא יצטרך למתנת בשר ודם ולא לידי הלואתם. כי חנון אני. ובעת מלאתי בקשתו.

(כז) אלהים לא תקלל וגו'. ומהנות כי השבת המשכון בכל בקר וערב הוא דבר קשה לפני המלוה והלוה. אולי יתרעם המגוה העשיר על הדיין או על אלהים מנום בנוה כן. והלוה העני יתרעם על המלוה העשיר. כי חרפה הוא לו לפני שכניו. ע"כ הזהירה התורה את המלוה שלא יקלל אלהים. לא את האלהים ולא את הדיין. ואת הלוה הזהירה התורה ונשיא בעמך לא תאור. שלא יקלל את המלוה העשיר:

(כח) מלאתך ודמעך לא תאחר וגו'. ואם אמור יאמר המלוה מאחר שאני מוכרח לעבות גמלות חסדים בממוני ולהלות לעני. ולא לתבוע ממנו שיחזיר לי חובי. ומשכון להחזיר לו בבקר ובערב אין כדאי לפני ליקחה. הלא בקוצר זמן אאבד כל מעותי.

## דעת זקנים מבעלי התוספות

חנון אני לפי שאתה חונן ומרחם על בריותי שהרי בעל חוב קונה משכון ואתה רחמן על זה אני שנקרא חנון ארחם ואחון עליך ואברכך (וההו"ד ואברכך) וה"ה דכתיב כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלהיך:

## לקוטים על התורה

תורה, אונ עס איז ניטא אין הימעל וועך עס זאל אויף אים לערנען אזכות, אונ דער מענטש וואס פארבארגט זיין געלט צו זיין חבר אונ נעמט ניט פון אים פראצענט איז גלייך וויא ער וואלט מקיים געווען אלע מצות פון דער תורה:

## פירוש לתורת אלהים

(כז) אלהים גאט לא תקלל זאלסטו ניט לעסטערן אונ קיין דיינים זאלסטו אויך ניט לעסטערן ונשיא אונ איין נשיא וואס ער איז פון דיין פאלק ישראל לא תאר זאלסטו ניט פלוכען: (כח) מלאתך דאס וואס איז אויף דיר מוטל צו ברייננען אז דיין תבואה ווערט צייטיג אונ פיל דאס מיינט מען ביכורים ודמעך אונ דיא תרומה וואס

## משלי חכמים

נגיד בארגט דאס געלד צו מאכן גרויסע געשעפטן ער זאל רייך ווערן, וואס אים פעלט ניט פרנסה אין דעם געלד, אונ אין דעם געשעפט. אבער אז דער ארעם מאן יאלט בעקומען גיבארגט עטליכע רובל וואס ער זאל טאן זיי האנדלען אונ

## מצות השם

(סט) [לאו נח] שלא לברך השם כנאמר אלהים לא תקלל:

(ע) [לאו נט] שלא לקלל לדיינים כנאמר אלהים לא תקלל:

(עא) [לאו ס] שלא לקלל נביא או מלך כנאמר ונשיא בעמך לא תאור:

עב) [לאו סא] שלא להקדים תרומה לבכורים ומעשר לתרומה כנאמר מלאתך ודמעך לא תאחר:

(כז) אֱלֹהִים לֹא תְקַלֵּל וגו'. מען טאר ניט פלוכען א דיין, אונ מען טאר ניט פלוכען גאט, אונ ווען יידען האבען געהאט סנהדרין האט מען געהרגת דעם מענטש וואס האט געפלוכט גאט. אבער היינט אז מיר טארען ניט משפטין צו הרגנן אמענטש, אז מען האט געהערט אויף אמענטש אז ער האט גירעט שלעכטע רייד געגין גאט, דארפין אלע יידין זיך דערווייטערין פון דעם מענטש, מען זאל נישט ריידין מיט אים, אונ ניט האנדלען מיט אים, אונ דיא מצוה איז נוהג אויף יעדער ארט אונ אין יעדער צייט:

וְנָשִׂיא בְעַמְּךָ לֹא תָאֹר. מען טאר ניט פלוכען דעם מלך, אונ אלע שרים פון מלך טאר מען ניט פלוכען, אונ יעדער מענטש וואס האט אגיוועלטיגקייט, טאר מען אים ניט פלוכען:

(כח) מְלֵאָתְךָ וְדִמְעֲךָ לֹא תְאַחֵר. מען טאר ניט געבען תרומה פאר בכורים, אונ ניט מעשר ראשון פאר תרומה, אונ ניט מעשר שני פאר מעשר ראשון [נאר פריער ברייננגט מען בכורים, דיא פירות וואס ווערין צו ערשט צייטיג, ברייננגט מען אין בית המקדש, [ווי עס שטייט אין די סדרה כי תבא], נאכדעם גיט מען צווי פון

לֹא תְאַחֵר בְּכוֹר בָּנֶיךָ תִּתֶּן־לִי׃
כט כֵּן־תַּעֲשֶׂה לְשֹׁרְךָ לְצֹאנֶךָ שִׁבְעַת
יָמִים יִהְיֶה עִם־אִמּוֹ בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי
תִּתְּנוֹ־לִי׃ ל וְאַנְשֵׁי־קֹדֶשׁ תִּהְיוּן לִי

לָא תְאַחַר בּוּכְרָא דִבְרָךְ
תַּפְרֵישׁ קֳדָמַי׃ כט כֵּן
תַּעְבֵּיד לְתוֹרָךְ לְעָנָךְ
שַׁבְעָא יוֹמִין יְהֵי עִם
אִמֵּיהּ בְּיוֹמָא תְמִינָאָה
תַּפְרְשִׁינֵּיהּ קֳדָמַי׃
ל וְאֶנָשִׁין קַדִּישִׁין תְּהוֹן

**תו"א** בכור בניך תתן. בכורות ס נה: כן תעשה. חולין פא בכורות כו ה: שבעת ימים. נדה מח: ואנשי קדש. פסחים כד קידושין נז חולין נסו קטו שבועות י.

## בעל הטורים

(כח) לא תאחר בכור בניך אלא תתן מיד אחר ל' יום: (ל) ואנשי. ד' ר"פ דין ואידך ואנשי תמיד יבדילו. ואנשי סדום. ואנשי בכל פשו את סוכית. כי אנשי סדום עבדו ע"א כדכתיב עשו את סוכות הכל אתם אנשי קודש תהיון לי ותמיד תבדילו העומדה

## רשב"ם

ומזיקים. וכן פי' מנחם: לא תאחר אלא ראשית יתחלת לכל המעשרות: בכור בניך. כן תעשה לשורך וגו' כל אלו ענייני ראשית הם: (ל) ואנשי קדש. שלא לאכול דבר טמא כגון טרפה. וכ"ש לא תאכלו כל נבלה וגו'

## רש"י

**לא תאחר.** לא תשנה סדר הפרשתן להקדים את ד המוקדם ולהקדים את המאוחר שלא יקדים תרומה לבכורים ומעשר לתרומה: **בכור בניך תתן לי.** לפדותו בחמש ה סלעים מן הכהן והלא כבר ליה עליו במקום אחר אלא כדי לסמוך לו כן תעשה ו לשורך מה בכור אדם לאחר ל' יום פודהו שנאמר (במדבר יח) ופדויו מבן חדש תפדה אף בכור בהמה דקה מטפל בו ל' יום ואח"כ נותנו לכהן: (כט) **שבעת ימים יהיה עם אמו.** זו אזהרה לכהן שאם בא למהר את קרבנו לא ימהר קודם שמונה ז לפי שהוא מחוסר זמן: **ביום השמיני תתנו לי.** יכול יהא חובה לבו ביום נאמר כאן שמיני ונאמר להלן (ויקרא כב) ומיום השמיני והלאה ירצה מה שמיני האמור להלן להכשיר משמיני ולהלן אף שמיני האמור כאן להכשיר משמיני ולהלן וכן ח משמעו וביום השמיני אתה רשאי ליתנו לי (מכילתא): (ל) **ואנשי קדש תהיון לי.** אם אתם קדושים ופרושים משקוצי ט נבלות וטרפות הרי אתם שלי ואם לאו אינכם שלי:

## שפתי חכמים

לכ"פ כשתתמלא וכו' ר"ל כשיהיה לך: ד דא"ל לא תאחר מליתן הבכורים דאין זמן מפורש בתורה אלא ל"ל לא תאחר אותם למצוה שאחרי': ה פי' לא שתתן עלנו לי שהרי בפרשת קרח כתיב אך פדה תפדה את בכור האדם וגו': ו (נח"י) טעות הוא ול"ל ללאנך חדא דהא הרב מסיים בהמה דקה ועוד כו' עיין שם: ז אבל המקדיש יכול להקדישו אפי' אינו רק בן יום אחד והאזהרה היא לאו הבא מכלל עשה דוהיה שבעת ימים וגו': ח כלומר כיון דאיכא ג"ש דשמיני אם כן משמע דביום השמיני התנו לי הוא רשות ולא חובה וק"ל: ט מפני שאחריו כתיב ובשר בשדה טריפה והוסיף מלת הם כדי שלא תפרש ואנשי קודש וכן תהיון לי לשון ליווי. ומפני שיש כמה דברים בין אם תעשו בין אם לא תעשו לא ארחיק אתכם מלהיות שלי לכך הוצרך לומר ואם לאו כו' שאם לא תהיו פרושי' משקוצי נבילות לא תהיו לי והוא

## עניני חקים מצות ומשפטים

פ"ז אמר לו הקדוש ברוך הוא מלאתך ודמעך לא תאחר. תשמור ליתן המעשר והתרומה כדין. ותתקיים בך עשר תעשר. עשר בשביל שתתעשר. ונאמר עוד קרא נאמר הביאו את המעשר אל בית האוצר וגו' והרקותי לכם ברכה עד בלי די. וגם את העני הקב"ה מנחם בכור בניך תתן לי ועבור זה תזכה כן תעשה לשורך לצאנך. שיהי' לך צאן ובקר הרבה ותתעשר ג"כ:

(ל) ואנשי קדש תהיון לי וגו'. ומחמת שהרגלת עצמך בעניותך להיות מקמץ וכל מאכל הנאכל אף בדוחק מחמת קלקולו עכ"ז אכלתו. ומחמת זה כי יהי' לך בשר בשדה טרפה תהיה חפץ להשליכו ותרצה לאכלו ע"כ אזהירך ואנשי קודש תהיון לי מובדלים ומופרשים מכל תועבה ובשר בשדה טרפה לא תאכלו לכלב תשליכון אותו:

## פירוש לתורת אלהים

בדארפסט געבין לא תאחר זאלסטו ניט שפעטיגען אפ צו שיידין. כלומר דו זאלסט ניט אפ שיידין תרומה פריער פון בכורים בכור דיא בכורים פון דיינע קינדער תתן לי זאלסטו געבין צו מיר כלומר דו מוסט אויס לייזין ביי איין כהן מיט פינף סלעים אז ער ווערט אלט דרייסיג טאג: (כט) כן תעשה אזוי זאלסטו טאהן לשורך צו דיין אקס כלומר צו דיא בכורים פון דיינע גרויסע בהמות לצאנך אונ צו די בכורים פון דיינע שאף כלומר אזוי וויא אבכור פון אמענטש מוסטו אים נאך דרייסיג טאג אפ געבין צום כהן שבעת ימים זיבען טאג יהיה זאל דער בכור פון דיין בהמה זיין מיט זיין מוטר כלומר דער כהן טאר ניט נעמין דעם בכור פאר אכט טאג ביום אונ פון דעם אכטען טאג אן אונ ווייטער תתנו לי מעגסטו געבין דעם בכור צו מיר כלומר צום כהן: (ל) ואנשי קודש אונ אונ אז איר ישראל וועט זיין הייליג אונ אפ גישייד פון צו עסין נבילות אונ טריפות תהיון לי

## משלי חכמים

זאל פארדינען זיין שטיקיל ברויט מיט כבוד וויא נוט וואלט אים גיווען. איז דאך מער מצוה מען זאל דעם ארעמען בארגין איידער מען בארגט דעם רייכין, אונ ער זאל ניט דארפין אויף שטעלין די האנד מען זאל אים שיינקען, אונ וואס האסט מורא טאמער וועט ער דיר ניט בצאהלין, געווים אז גאט הייסט דיר דו זאלסט דעם ארעמען בארגין, וועט גאט זעהן דו זאלסט

## מצות השם

הונדערט, דאס איז תרומה, צום כהן, נאכדעם גיט מען צייהן פון הונדערט צום לוי, דאס איז מעשר ראשון, נאכדאם נעמט מען צעהן פון הונדערט דאס איז מעשר שני, אונ מען פירט דאס אריין אין דיא שטאט ירושלים אונ דארט ווערט דאס גיגעסין, ווי עס שטייט אין דיא סדרה ראה]:

וּבָשָׂר בַּשָּׂדֶה טְרֵפָה לֹא תֹאכֵלוּ לַכֶּלֶב תַּשְׁלִכוּן אֹתוֹ׃ ס כג א לֹא תִשָּׂא שֵׁמַע שָׁוְא אַל־תָּשֶׁת יָדְךָ

**אונקלוס:** קֳדָמַי וּבְשַׂר תְּלִישׁ מִן חֵיוָא חַיָּא לָא תֵיכְלוּן לְכַלְבָּא תִּרְמוֹן יָתֵיהּ׃ א לָא תְקַבֵּל שְׁמַע דִּשְׁקַר לָא תְשַׁוֵּי יְדָךְ עִם

**תו"א** ובשר בשדה. מכות יח זבחים פב מנחות קא חולין עב סח עג קב: לכלב תשליכון. פסחים כא כב קית קידושין נח מכות כג: לא תשא. פסחים קית סנהדרין ז מכות כג שבועות לא: אל תשת ידך. יבמות כה ב"ק עב סנהדרין ט כז:

## רשב"ם

כי עם קדוש אתה: (א) לא תשא שמע שוא. כמו שהעד מוזהר לא תענה ברעך עד שקר. כמו כן הדיינים

## בעל הטורים

מביניכם כדכתיב ואנשי תמיד יבדילו: תשליכון אותו. ג' יתירה ללמדך שמרחיקין הנבלות מן העיר נ' אמה: לכלב תשליכון

## שפתי חכמים

עיקר המאמר שאין כוונתו רק על הלאו: י שהרי במקום אחר

## רש"י

ובשר בשדה טרפה. (מכילתא) אף י בבית כן אלא שדיבר הכתוב בהווה מקום שדרך בהמות ליטרף וכן (דברים כב) כי בשדה מצאה וכן (שם כג) אשר לא יהיה טהור מקרה לילה הוא הדין למקרה יום אלא שדיבר הכתוב בהווה. ואו"ת ובשר דתליש מן חיוא חיתא בשר שנתלש ע"י טרפת זאב או ארי מן חיה כשרה או מבהמה כשרה בחייה: לכלב תשליכון אותו. (מכילתא) ק"ו לטריפה שמותרת בכל הנאות א"כ מה ת"ל לכלב ללמדך שאין הקב"ה מקפח שכר כל בריה שנא' (שמות יא) ולכל בנ"י לא יחרץ כלב לשונו אמר הקב"ה תנו לו שכרו: (א) לא תשא שמע שוא. כתרגומו לא תקבל שמע דשקר אזהרה למקבל לשון הרע ולדיין שלא ישמע דברי בעל דין עד שיבא בעל דין חבירו: אל תשת ידך עם רשע.

## עניני חקים מצות ומשפטים

(א) לא תשא שמע שוא. אזהרה לכל אדם שלא יתבע לחברו תביעה שהוא שוא ודבר כזב. וזהו לא תשא שמע שוא.

## דעת זקנים מבעלי התוספות

(ל) ובשר בשדה טרפה וגו'. מאחר שהכלב מסר נפשו על הטרפה כשבא הזאב לטורף' לא תהי' כפוי טובה כנגדו

## לקוטים על התורה

(א) לֹא תִשָּׂא שֵׁמַע שָׁוְא וגו'. דו זאלסט ניט מאכין הערין פון דיין מויל אפאלשע זאך, און זאלסט ניט

## פירוש לתורת אלהים

וועט איר זיין צו מיר כלומר מיין פאלק און אז ניט זענט איר ניט מיין וּבָשָׂר און פלייש כלומר פון איין בהמה בַּשָּׂדֶה וואס זיא איז פאר צוקט געווארין דורך אלייב אדער דורך אוואלף סיי אויף דעם פעלד אדער אין הויז [עיין רש"י] לא תאכלו טארט איר דיא בהמה ניט עסין לַכֶּלֶב נאר איר מוסט דיא בהמה צו דיא הינט ארוס ווארפין: (א) לא תִשָּׂא שֵׁמַע שָׁוְא דו זאלסט ניט מקבל זיין קיין

## משלי חכמים

דיין געלט צוריק האבין, אויב דער ארעם מאן וועט דיר ניט בצאהלין, וועט גאט דיר בצאהלין, ווארום דו האסט דאך דעם ארעם מאן פאר בארגט נאר אויף דיא פארזיכערונג פון גאט:

## מצות השם

(עג) [לאו מב] שלא לאכול מבהמה טרפה שנאמר ובשר בשדה טרפה לא תאכלו:

(עד) [לאו מג] שלא לשמוע לאחד מבעלי הדין כשאין חבירו עמו שנאמר לא תשא שמע שוא:

(ל) וּבָשָׂר בַּשָּׂדֶה טְרֵפָה לֹא תֹאכֵלוּ. אבהמה אדער אחיה און אעוף וואס מען מעג זיי עסין, אויב זייא זענען צו ריסען געווארין פון אחיה, טאר מען ניט עסין זייער פלייש, און אבהמה אדער אחיה און אעוף וואס זענען קראנק, אדער זיי האבין אאינגווייניגסטין פעלער, זענען אויך טרפה און מען טאר זיי ניט עסין, און דער וואס עסט פון זייער פלייש אשטיקעל וואס איז גרויס ווי אאייל בירט, קומט אים מלקות, דער דין איז אויף יעדער ארט און צו יעדער צייט, ביי זכרים און נקבות [וואס דיא יודין זענען געבאטין געווארין זייא זאלין ניט עסין טרפה עסינם, און זאלין ניט עסין פלייש פון אקראנקע בהמה, דער טעם איז, ווייל די נשמה פון דעם יוד איז אחלק פון הקדוש ברוך הוא, און די נשמה איז בהעפט צו דעם גוף אזוי ווי אפייער איז בהעפט אויף די ליכט אדער אויף דעם האלץ, אז די חלב איז גוט און די האלץ איז טרוקען, ברענט דער פייער ליכטיג און ער האלט זיך פעסט אויף די ליכט אדער אויף דעם האלץ, אבער אז דיא חלב איז ניט גוט אדער דער האלץ איז נאס, קען ניט ברענען דער פייער. ביי דעם גוף מיט די נשמה איז אויך אזוי, אויב דער גוף איז ריין און געזונד, דיא בלוט זיינע איז ריין, פון ריינע און געזונטע עסין, האלט זיך די נשמה אויף דעם גוף, און דיא עסינווארג וואס דער מענטש עסט ברייגגען אין אים אריין אנייע נאטור, אויב א מענטש זאל עסין פלייש פון אוואלף, אדער פון איין אנדער חיה וואס איז ארוצח, ברייגגען זייא אריין אין דעם מענטש אנאטור פון רציחה, און הקדוש ברוך הוא ווייס זיינע בשעפעניש וועלכע עס וועלין ברייגגען דעם מענטש צו שלעכטע מדות, האט גאט גיבאטין מען זאל זיי ניט עסין, ווארום אז דער גוף וועט זיין שלעכט וועט ער מאכין זינדיגען די נשמה, און איר ליכטיגקייט וועט ניט לייכטין פאר גאט אזוי ריין ווי זיא איז גיוועזן אין הימעל, אזוי ווי א דאקטאר זאגט צו אקראנקין וואס ער זאל עסין וועט ער געזונד ווערין און וואס ער זאל ניט עסין, ווארום אז ער וועט דאס עסין וועט ער קראנק ווערין, און דער קראנקער מוז פאלגין דעם דאקטאר, אפילו ער פארשטייט ניט מיט זיין שכל ווי אזוי דיא עסין מאכט קראנק און די עסין מאכט געזונד, אזוי מוזין מיר זיך פארלאזין אויף גאט וואס ער איז דער דאקטאר פון דיא נשמות און פון דעם גוף, מען זאל נאר עסין וואס גאט הייסט עסין, און מען זאל ניט עסין וואס גאט הייסט ניט עסין, די עסינווארג וואס מען מעג עסין און וואס עס איז אמצוה צו עסין מאכין געזונד די נשמה, און דיא עסינווארג וואס מען טאר ניט עסין און ווען מען טאר ניט עסין מאכין קראנק די נשמה וואס מיט דער נשמה דארפין מיר דינען השי"ת]:

(א) לֹא תִשָּׂא שֵׁמַע שָׁוְא. אויב ראובן האט אדין תורה מיט שמעון, און איינער פון זיי איז געקומען צום

חַיָּבָא לְמֶהֱוֵי לֵיהּ סָהִיד שְׁקָר: ב לָא תְהֵי בָּתַר סַגִּיאֵי לְאַבְאָשָׁא וְלָא

עִם־רָשָׁע לִהְיֹת עֵד חָמָס: ב לֹא־תִהְיֶה אַחֲרֵי־רַבִּים לְרָעֹת וְלֹא־

ת"א לא תשא. סנהדרין ג:

### בעל הטורים

שוא. וסמיך ליה לא תשא שמע שוא כל המספר לה"ר ראוי

### רשב"ם

מוזהרין שלא לקבל עדות ולשמוע שקר אלא ודרשת וחקרת ואפילו אם יש שני עדי שקר אל תצטרף עמהם להעיד כמותם ואע"פ שיוגמר על פיהם כי אין מכחישים: (ב) לא תהיה אחרי רבים לרעות. אם הם

### רש"י

כסוען את חבירו תביעת שקר ב שהבטיחהו להיות לו עד חמס: (ב) לא תהיה אחרי רבים לרעות. (סנהדרין ב) יש במקרא זה מדרשי חכמי ישראל אבל אין לשון המקרא מיושב בהן על אופניו מכאן דרשו שאין מטין להובה בהכרעת דיין אחד וסוף המקרא דרשו: אחרי רבים להטות. שאם יש שנים במחייבין יותר על המזכין הטה כדין על פיהם לחובה ובדיני נפשות הכתוב מדבר ואמצע המקרא דרשו: ולא תענה על רב. על רב שאין חולקין על מופלא שבב"ד לפיכך מתחילין בדיני נפשות מן הצד לקטני' שבהן שואלין תחלה שיאמרו את דעתם (סנהדרין מ) ולפי דברי רבותינו כך פתרון המקרא: לא תהיה אחרי רבים לרעות. לחייב מיתה בשביל

### שפתי חכמים

כתיב נבלה וטריפה בהדדי להקישן מה נבילה ל"ש בבית ול"ש בשדה אף טריפה כן: ב ר"ל שהיה לו כבר עד אחד שהוא עד

### דעת זקנים מבעלי התוספות

שכשיה"ה לך טרפה שתשליכהו אליו בשכר ששמר' עד עתה שלא נטרפה וגם שומר עוד האחרות כי כן דרך העולם להעמיד כלבים לשמור הצאן מן הזאבים:

### עניני חקים מצות ומשפטים

לא תשא ולא ישמע על פיך תביעה שאינה אמת אבל היא שוא. והזהיר את העד אל תשת ידך עם רשע והוא התובע שקר ודבר כזב להיות עד חמס לסייעו בתביעתו. וכן הזהיר את הדיין שאע"פ שהתובע והעדים יהיו רבים וחטאים ורעים לא ימשך אחריהם. וזהו לא תהיה אחרי רבים לרעות. ר"ל לעשות רע בדבר המשפט. וכן הזהיר להמליץ והטוען בפני הדיין שאע"פ שהבעל דין והעדים והדיין הם רבים לא יהיו הוא גם כן טוען להטות הדין ולעותו. ולפי שלא יאמר הטוען המליץ הנה אנכי לטובה התכוונתי להדר ולפאר אדם עני ודל שאין לו ממה לפרוע חובו ע"כ טענתי עבורו שאינו חייב כלום לזה אמר ודל לא תהדר בריבו. אפילו שיהי' דל ועני לא תהדרהו במליצותיך וטענותיך בריבו אבל בין שיהי' עשיר או דל לצדק תרדוף:

### פירוש לתורת אלהים

פאלש הערונג כלומר דו טארסט ניט מקבל זיין קיין לשון הרע אונ דאס איז אויך איין אזהרה צו אדיין אז ער טאר ניט אויס הערין איין בעל דין ביז דער אנדערער קומט אי' דו זאלסט דיין האנט ניט טאהן מיט דעם רשע וואס מאנט דעם חבר מיט פאלשקייט להיות צו זיין צו אים אפאלשער עדות: (ב) לא תהיה דו זאלסט ניט זיין כלומר ניט נאך ציהן אחרי נאך פיל מענטשין לרעות וואס זייא גייגען אוועק דעם משפט אויף שלעכט אונ זאלסט ניט טראכטען ווייל זיי זענען ארבים וועל איך זיי נאך ציהן זיא אונ אויב דער

### לקוטים על התורה

מאכין איין האנט מיט ארשע דו זאלסט זיין פון זיינעט־וועגין אפאלשער עדות ער זאל נעמען אזעלכע געלט וואס אים קומט גאר ניט, אונ זאלסט ניט זיין נאך פיל מענטשין צו טאהן שלעכטס, אז דו וועסט זעהן פיל מענטשין טוהען שלעכטס זאלסטו ניט טאהן ווי זיי טוהען, אכותי האט אמאהל גיפרעגט בייא רבי יהושע בן קרחה אין אייער תורה שטייט איר זאלט טאהן ווי פיל מענטשין זאגין מיר עכום"ז זענען דאך מער ווי איר יודין פאר וואס גלייבט

### מצות השם

(עה) [לאו מד] שלא יעיד בעל עבירות שנאמר אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס:

(עו) [לאו מה] שלא להרוג עד שיהיו המחייבים יותר על המזכים שנים שנאמר לא תהיה אחרי רבים לרעות:

דיין פריער פאר דעם אנדערין, טאר ניט דער דיין הערין זיינע טענות, ביז דער אנדערער וועט קומען, אונ ער טאר ניט זאגין פאר דעם דיין זיינע טענות ביז דער אנדערער בעל דין וועט קומען, דאמאלס זאלין דיא ביידע בעלי דינים טענין זייערע טענות פר דעם דיין, נאך ווייסין מיר פון דעם פסוק מען טאר ניט ריידין לשון הרע, אונ מען טאר ניט זאגין וואס עס איז פאלש, ווארום מיר דינען צו אגאט וואס ער איז אמת אונ זיין תורה אונ מצות זענען אמת, דארפין מיר אויך זיין אמת, די גמרא זאגט די חתימה פון גאט איז אמת, אזוי דארף זיין ביי די יודין זייער חתימה אמת, אונ דיא ברכה פון גאט קומט נאר אויף דעם מענטש וואס טוהט דעם ווילען פון גאט, אונ גאט וויל נאר אמת, דריבער גיט גאט זיין ברכה נאר אויף דעם מענטש וואס זאגט אלץ אמת, אונ אזוי וויא גאט האט רחמנות אויף דיא מענטשין אפילו ווען זייא זינדיגען, אזוי דארף איין מענטש האבין רחמנות אויף דעם אנדערין אפילו דער מענטש האט צו אים געזינדיגט, אונ אזוי וויא גאט טוהט חסד מיט דיא מענטשין, אזוי

דארפין די מענטשין טאהן חסד איינער מיט דעם אנדערין, אז מיר וועלין טאהן וויא דיא מדות פון הקדוש ברוך הוא זענען, וועט גאט אויף אונז רחמנות האבין אונ וועט מיט אונז טאהן נאר טובות, די מצות זענען אויף יעדער ארט אונ אין יעדער צייט ביי זכרים אונ ביי נקבות:

אל תשת ידך עם רשע וגו'. אדיין טאר ניט אן נעמען עדות פון אמענטש וואס טוהט עבירות וואס ער איז ארשע, אונ אויב עס קומט צו בית דין צוויי עדות, אונ איינער וויים אויף דעם אנדערין אז ער איז ארשע, טאר ער ניט זיין אעדות צו זאמען מיט דעם רשע, אונ אויב איין עדות וויים אויף דעם אנדערין עדות אז ער וועט זאגין ליגען, טאר ער ניט גיין מיט אים צו זאמען עדות זאגין: (ב) לא תהיה אחרי רבים לרעות. דער בית דין וואס האבין פארצייטין געמשפט צום הרגנן, האבין געמוזט זיין דריי אונ צוואנציג דיינים, אויב עלף דיינים האבין גיזאגט אז דעם מענטש קומט גיט צו הרגנן, אונ צוועלף דיינים האבין גיזאגט מען זאל אים יא הרגנן, זענען דאך די בעשולדיגער צום הרגנן נאר מיט איינעם

תַעֲנֶה עַל־רִב לִנְטֹת אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת׃ ג וְדָל לֹא תֶהְדַּר בְּרִיבוֹ׃

תִתְמְנַע מִלְאַלָּפָא מָה דִבְעֵינָךְ עַל דִינָא בָּתַר סַגִיאֵי אַשְׁלֵים דִינָא׃ ג וְעַל מִסְכֵּינָא לָא תְרַחֵם

**ת״א** ולא תענה על. סנהדרין יח לו: לנטת. סנהדרין ג: אחרי רבים. מציעא נט סנהדרין ג ג חולין יא: ודל לא תהדר. חולין קלד:

## רשבים

דנין שלא כדין לפי דעתך ואע״פ שלא יאמינו לך כי אם למרובים: ולא תענה על ריב לנטות אחרי רבים להטות. משפט ואפי׳ כשהם מזכים אדם ופוטרים ממיתה: (ג) ודל לא תהדר. כדכתיב לא תשא פני דל ולא תהדר פני גדול אלא בצדק תשפוט עמיתך:

## בעל הטורים

להשליכו לכלבים: (ג) ודל. ב׳ במסורה הכא ואידך ודל מרעהו יפרד לומר אפי׳ הוא רעהו יפרד ממנו ולא ישא לו פנים בדינו: בריבו. ד׳ דין ואידך לדיק הראשון בריבו. לא תטה משפט אביונך

## שפתי חכמים

שקר קמזהיר לעד זה שלא תשתתף עם אותו עד שקר שהוא רשע: ל ר״ל אל תאמר מה בכך אם אדון את הדין לאמתו כיון שהם רבים ואני יחיד ולא ישמעו לי אלא עשה את

## רש״י

דיין אחד שירבו המחייבין על המזכין: ולא תענה על רב. לנטות מדבריו ולפי שהוא חסר יו״ד דרשו בו כן: אחרי רבים להטות. ויש רבים שאתה נוטה אחריהם

ואימתי בזמן שהן שנים המכריעין במחייבין יותר מן המזכין וממשמע שנא׳ לא תהיה אחרי רבים לרעות שומע אני אבל היה עמהם לטובה מכאן אמרו דיני נפשות מטין ע״פ אחד לזכות וע״פ שנים לחוב׳ ואונקלוס תרגם לא תתמנע מלאלפא מה דבעינך על דינא. ולשון העברי לפי התרגום כך הוא נדרש: לא תענה על ריב לנטות. אם ישאלך דבר למשפט לא תענה לנטות לצד אחד ולסלק עצמך מן הריב אלא הוי דן אותו לאמיתו. ואני אומר ליישבו על אופניו כפשוטו וכך פתרונו: לא תהיה אחרי רבים לרעות. אם ראית רשעים מטין משפט לא תאמר הואיל ורבים הם הנני נוטה אחריהם: ולא תענה על ריב לנטות וגו׳. ואם ישאלך הנדון על אותו המשפט אל תעננו על הריב דבר הנוטה אחרי אותן רבים להטות את המשפט מאמתו אלא אמור את המשפט כאשר הוא וקולר יהא תלוי ל בצואר הרבים: (ג) לא תהדר. לא תחלוק לו כבוד לזכותו בדין

## לקוטים על התורה

איר אייך ניט מיט אונז איר זאלט דינען דעם זעלביגען גאט וואס מיר דינען, האט רבי יהושע געזאגט צום כותי האסטו עפעס קינדער, האט דער כותי געזאגט צו רבי יהושע דו האסט מיך דערמאנט מיינע צרות, האט רבי יהושע געזאגט וועלכע צרות, האט דער כותי געזאגט איך האב פיל קינדער ווען זיי זיצען ביי דעם טיש צום עסין, דער לויבט זיין גאט אונ דער לויבט זיין גאט, אונ זייא גייען ניט אוועק פון טיש ביז זייא צו שפאלטין דיא קעפ איינער דעם אנדערין, האט רבי יהושע געזאגט צום כותי אונ דו פאר גלייכסט דיך מיט זיי, האט דער כותי געזאגט ניין, האט רבי יהושע געזאגט צום כותי איידער דו גייסט אונז פארגלייכין, פארגלייך דו דיך מיט דיינע קינדער, האט רבי יהושע ארויס געשטויסין דעם כותי פון שטוב: (ג) ודל לא תהדר בריבו. אויב א ארעם מאן האט געמאנט ביי אגביר טויזענד רובל, אונ אלע ווייסין אז דער

## פירוש לתורת אלהים

וואס ווערט נימשפט וועט דיך פרעגין אויף דעם משפט זאלסטו אים אזעלכעס ניט ענפערין לנטות דאס וואס נייגט אחרי רבים נאך די פיל מענטשין להטות אוועק צו נייגען דעם משפט פון דעם אמת נאר דו מוסט זאגין דעם משפט אזוי וויא דער אמת איז אונ דיא עבירה זאל חל זיין אויף דיא רבים וואס פאר קרומען דעם משפט: (ג) ודל אזו איין ארום מאן לא תהדר זאלסטו ניט בשיינען בריבו אין זיין קרוג דהיינו אז ער האט אמשפט פאר דיר מיט איין עושר זאלסטו דיר ניט טראכטען ווייל ער איז איין ארום מאן וועל איך זעהן אים מזכה זיין בדין חאטשע דער אמת איז

ארעם מאן האט קיין מאהל געהאט טויזענד רובל, וועלין דאך אלע מענטשין פארשעמען דעם ארעם מאן, אונ

## מצות השם

(עז) [לאו מו] שלא יגמד חובה מי שלמד זכות תחלה בדיני נפשות שנאמר לא תענה על ריב לנ״ית:

(עח) [עשה לב] לנטות אחרי הרוב שנאמר אחרי רבים להטות:

(ט,) [לאו מז] שלא לרחם על העני בדין שנאמר ודל לא תהדר בריבו:

מער, דארף מען אים ניט הרגנן, אפילו איינער פון דיא צוועלף דיינים איז דער גרעסטער למדן פון אלע דיינים פון דעסטוועגין הורגת מען אים ניט, אבער אז דיא בעשולדיגער צום הרגנן זענען מיט צוויי מער, דארף מען אים יא הרגנן, דער דין איז גיוועזן פארצייטין ווען די יודין האבין געמעגט משפטין דיני נפשות:

ולא תענה על רב לנטות. דער דיין וואס האט גיזאגט מען זאל דעם מענטש ניט הרגנן, טאר ער ניט חרטה האבין אונ זאגין מען זאל אים יא הרגנן, אבער פארקערט איז ער האט גיזאגט מען זאל דעם מענטש יא הרגנן, מעג דער דיין יא חרטה האבין אונ זאגין מען זאל דעם מענטש ניט הרגנן:

אחרי רבים להטות. אויב צוועלף דיינים האבין גיזאגט מען זאל דעם מענטש ניט הרגנן, אונ עלף דיינים האבין גיזאגט מען זאל אים יא הרגנן, הרגת מען זיים ניט, אונ ביי געלט זאכין וואס עס איז גענוג דריי דיינים, אויב צוויי דיינים זאגין ער דארף בצאהלין, אונ איין דיין זאגט ער דארף ניט בצאהלין, אדער פארקערט צוויי דיינים זאגין ער דארף ניט בצאהלין אונ איין דיין זאגט ער דארף יא בצאהלין, פסקנת מען זייביג ווי די צוויי דיינים זאגין: (ג) ודל לא תהדר בריבו. אויב עס קומט פאר בית דין צו אדין תורה צווייא מענטשין, איינער איז רייך דער אנדערער איז ארעם, אונ דיא דיינים זעהן אז דער ארעם מאן וועט פארשולדיגט ווערין צו בצאהלין, ווילען זיי רחמנות האבין אויף דעם ארעם מאן אונ פסקנען אז אז ער איז גירעכט אונ ער דארף ניט בצאהלין, דאס טאר מען ניט, נאר אזוי וויא דער דין איז זאלין זייא פסקנען אונ די מצוה איז נוהג אויף יעדר ארט אונ יעדער צייט:

ס ד כִּי תִפְגַּע שׁוֹר אֹיִבְךָ אוֹ חֲמֹרוֹ תֹּעֶה הָשֵׁב תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ׃ ס ה כִּי־ תִרְאֶה חֲמוֹר שֹׂנַאֲךָ רֹבֵץ תַּחַת מַשָּׂאוֹ וְחָדַלְתָּ מֵעֲזֹב לוֹ עָזֹב תַּעֲזֹב עִמּוֹ׃ חמישי ס ו לֹא תַטֶּה מִשְׁפַּט

בְּדִינֵיהּ׃ ד אֲרֵי תְעָרַע תּוֹרָא דְסָנְאָךְ אוֹ חֲמָרֵיהּ דְּטָעֵי אֲתָבָא תְּתֵבִינֵיהּ לֵיהּ׃ ה אֲרֵי תֶחֱזֵי חֲמָרָא דְסָנְאָךְ רְבִיעַ תְּחוֹת טוֹעֲנֵיהּ וְתִתְמְנַע מִלְּמִשְׁבַּק לֵיהּ מִשְׁבַּק תִּשְׁבּוֹק מַה דְּבִלְבָּךְ עֲלוֹהִי וְתִפְרֵיק עִמֵּיהּ׃ ו לָא תַצְלֵי דִּין מִסְכֵּינָךְ

תו"א כי תפגע. מציעא לג: כי תראה. פסחים קיג מציעא לג: רבץ תחת. מציעא לב לג: וחדלת מעזב. מציעא לב: עזב תעזב. שם לא לב: לא תטה. כתובות קה סנהדרין ט׳:

## בעל הטורים

בדינו לעות אדם בריבו. לומר לך אף אם הוא דל לא תשמע דבריו תחלה להצדיקו בדינו ולעות בעל דינו הבא אחריו: (ד) תועה. ג׳ במסורה חמורו תועה. והנה תועה בשדה אדם תועה מדרך השכל. ז"ש מלא פרה רועה אין זו אבידה מלא חמור וכליו הפוכים הרי זו אבידה וזהו חמורו תועה שהוא תועה בשדה וילא מהדרך: (ה) שונאך. ב׳ במסורה חמור שונאך. אם רעב שונאך האכילהו לחם. משום דהכא איירי בשני מיני שונאים ע"א וישראל דכשונא ע"א מו׳ אומות דרשינן וחדלת מעזוב לו וכשונא ישראל עזוב תעזוב עמו: רובץ. ג׳ במס׳ דין ואידך לפתח חטאת רובץ. רובץ בין המשפתים. לפתח חטאת רובץ זה יצה"ר שאם הלך אחרי יצרו והרבה עון עד אשר הוא רובץ תחת משאו מאי תקנתיה יעסוק בתורה כיששכר שהיה רובץ בין המשפתים כדאמרינן אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש:

## רשבם

(ה) חמור שנאך. דבר בהווה: עזוב תעזוב. לשון סיוע וחיזוק. כדכתיב ויעזבו (את) ירושלים עד

## רש"י

ולומר דל הוא אזכנו ואכבדנו: (ה) כי תראה חמור שונאך וגו׳. הרי כי משמש בל׳ דלמא שהיא מד׳ לשונות של שמושי כי וכה פתרונו שמא תראה חמורו רובץ תחת משאו: וחדלת מעזב לו. בתמיה: עזב תעזב עמו. עזיבה זו לשון עזרה וכן (מ"א יד) עצור ועזוב וכן (נחמיה ג) ויעזבו ירושלים עד החומה מלאוה עפר לעזור ולסייע את חיזק החומה כיוצא בו (דברים ז) כי תאמר בלבבך רבים הגוים האלה ממני וגו׳ שמא תאמר כן בתמי׳ לא תירא מהם ומדרשו כך דרשו רבותינו כי תראה וחדלת פעמים שאתה חודל ופעמים שאתה עוזר הא כילד זקן ואינו לפי כבודו וחדלת או בהמת נכרי ומשאו של ישראל וחדלת: עזב תעזב עמו. לפרק

## שפתי חכמים

שלך וקולר וכו׳: מ הולרך הרב לפרש שההידור של דל על הטית הדין לזכותו מפני שאין דרך הדיין להדר אלא לעשיר כמו שנא׳ לא תשא פני גדול אלא הכבוד הוא שמזכה אותו בדין ועל ידי הדין הוא מתכבד שאל"כ ילטרך לפרוע לו ואין לו והוא מזילזול:

## פירוש לתורת אלהים

מיט דעם עושר טארסטו ניט פסקנן נאר אמת: (ד) כִּי תִפְגַּע ווען דו וועסט בגעגינען שׁוֹר איין אָקס פון דיין שׂוֹנא אוֹ חֲמֹרוֹ אָדער זיין אייזל תֹּעֶה וואס ער איז פאר אירט כלומר ער איז פאר גאנגען פון זיין בעל הבית הָשֵׁב זאלסטו אום קערין דעם אָקס אָדער דאס אייזל צו זיין בעל הבית: (ה) כִּי תִרְאֶה חֲמוֹר שׂוֹנַאֲךָ ווען דו וועסט זעהן איין אייזל פון דיין שונא רוֹבֵץ הוערט אונטער זיין משא וְחָדַלְתָּ אונ דו וועסט דיך וועלין פאר מיידין פון צו העלפין אים טארסטו ניט ווי דען עָזוֹב זאלסטו אים העלפין אונ זאלסט מיט אים אראפ נעמען די משא פון דעם אייזל: (ו) לֹא תַטֶּה דו זאלסט ניט אוועק נייגען מִשְׁפַּט דעם משפט פון דעם

## לקוטים על התורה

וועלין אים רופין ליגנער, אונ אז דער דיין וועט וועלין בעשיינען דעם ארעם מאן, וועט ער זאגין צו אים אין דערשטיל, גיי בעסער אהיים אונ זאלסט ניט מער דער־

## מצות השם

(פ) [עשה לג] לפרוק מעל בהמת חברו הרובלת תחת משאה שנאמר כי תראה חמור שנאך רבץ תחת משאו וחדלת מעזוב לו עזוב תעזוב עמו:

(פא) [לאו מח] שלא להטות הדין על האביון במלות שנאמר לא תטה משפט אביונך בריבו:

(ה) כִּי תִרְאֶה חֲמוֹר שֹׂנַאֲךָ וגו׳. אויב איינער זעהט זיין חבר פארט מיט א אייזיל [אדר איין אנדער בהמה] אונ דער אייזיל איז גיפאלין אונטער דיא משא, ער קען ניט שלעפין דיא משא, אפילו דער בעל הבית פון דעם אייזיל איז זיינער אשונא, פון דעסטוועגין מוז ער אים העלפין אפלאדין פון אייזיל די משא אונ צוריק ארויף לייגין די משא אויף דעם אייזיל אומזיסט גאר אן געלט, אונ אפילו דער אייזיל איז נאך אמאהל אונ נאך פיל מאהל געפאלין אונטער דיא משא, מוז ער אים אלץ העלפין אפלאדין אונ אויפלאדין די משא אן געלט, אונ אויב ער איז איין אלטער מאן וואס עס איז ניט שיין פאר אים ער זאל העלפין אויפלאדין אונ אפלאדין פון דעם אייזיל, דארף ער ניט העלפין, אונ אויב ער העלפט יא, וועט ער גיבענטש ווערין פון גאט. די מצוה איז אויף יעדער ארט אונ אין יעדער צייט. די מצוה לערנט דעם מענטש מוסר, מאדאך די תורה האט גיזאגט מען זאל רחמנות האבין אויף א בהמה, מען זאל פון איר אראפ נעמען דיא משא, דארף מען דאך אויף א מענטש געוויס רחמנות האבין, אז דער מענטש האט צער פון יסורים אדער ער האט צער פון געלט, דארף מען זעהן מען זאל דעם מענטש העלפין אונ אראפ נעמען פון אים די יסורים, אונ אים העלפין מיט געלט:

(ו) לֹא תַטֶּה מִשְׁפַּט. אויב ארשע מיט אצדיק קומען צו אדין תורה, אונ מען זעהט אז דער צדיק וועט דארפין בצאהלין פיל געלט דעם רשע, טאר מען ניט זאגין ווייל ער איז ארשע דריבער וועט מען גירעכט מאכין

אביֹנך בריבו: 7 מדבר־שקר תרחק ונקי וצדיק אל־תהרג כי לא־אצדיק רשע: 8 ושחד לא תקח כי השחד יעור פקחים ויסלף

בדיניה: ז מפתגמא דשקרא הוי רחיק ודיזכי ודי נפק זכאי מן דינא לא תקטול ארי לא אזכי חייבא: ח ושוחדא לא תקביל ארי שוחדא מעור עיני חכימין

תו"א מדבר שקר. שבועות ל לא: ונקי וצדיק. סנהדרין לג מג: ושחד לא תקח. פאה יב כתובות קה: כי השחד. שם: ויסלף. שם:

רשב"ם

החומה. ואפס עצור ועזוב: (ז) מדבר שקר תרחק. ואם נראה בעיניך דין מרומה ועדים רמאים ואין אתה יכול להכחישן התרחק מאותו הדין ואל תדין בו כלל. ואעפ"כ אם הוא נקי וצדיק בדין שכבר נגמר הדין לזכות אל תהרגנו עוד מאחר שכבר קבלת העדים וגמרת הדין ולא נתת לבך על זה עד לסוף שאם אתה הצדקתו אני לא אצדיקנו וחייב מיתה כדכתיב והאלהים אנה לידו: (ח) יעור פקחים. אצל פיקוח עין נופל

רש"י

המשא. מלמשקל ליה מליטול משאוי ממנו (ב"מ לב): (ו) אבינך. לשון אובה שהוא מדולדל ותאב לכל טובה: (ז) ונקי וצדיק אל תהרג. מניין ליוצא מב"ד חייב ואמר א' יש לי ללמד עליו זכות שמחזירין אותו ת"ל ונקי אל תהרוג ואע"פ שאינו צדיק שלא נצטדק בב"ד מ"מ נקי הוא מדין מיתה שהרי יש לך לזכותו. ומניין ליוצא מב"ד זכאי ואמר א' יש לי ללמד עליו חובה שאין מחזירין אותו לב"ד ת"ל וצדיק אל תהרוג וזה צדיק הוא שנצטדק בב"ד: כי לא אצדיק רשע. אין עליך להחזירו כי אני לא אצדיקנו בדיני אם יצא מידך זכאי יש לי שלוחים הרבה להמיתו במיתה שנתחייב בה: (ח) ושחד לא תקח. אפי' לשפוט אמת וכ"ש כדי להטות את הדין שהרי כדי להטות את הדין נאמר כבר לא תטה משפט: יעור פקחים. (ב"מ קיא מכילתא) אפי' חכם בתורה ונוטל שוחד סוף שתטרוף דעתו עליו וישתכח תלמודו ויכהה מאור עיניו: ויסלף. כתרגומו

לקוטים על התורה

מאגען פון דיא טויזענד רובל, ווייל אלע מענטשין וועלין דיך פארשעמען אונ וועלין דיך האלטין פאר משוגע, דאס טאר ניט זאגין דער דיין, אונ טאר ניט וועלין שיין מאכין דעם ארעם מאן, נאר ער זאל אויסהערין זיין טענה גלייך ווי ער וואלט געווען רייך אונ עס וואלט געקענט זיין אמת אז אים קומט טאקי בייא דעם גביר טויזענד רובל, ווארום ווער ווייס וואס פאראבעוויזונג דער ארעם מאן האט אויף די טויזענד רובל, דריבער מוזין די דיינים גוט אויסהערין זיינע טענות:

פירוש לתורת אלהים

ארעם מאן בריבו אין זיין קריג: (ז) מדבר שקר פון פאלשע רייד תרחק זאלסטו דיך דער ווייטערין ונקי אונ איין ריינעם כלומר ווען מען האט איינעם גיפירט הרגנן ווייל ער איז ארויס גיגאנגן חייב פון דעם בית דין אונ איינער פון די דיינים האט גיזאגט איך האב אויף אים מלמד זכות צו זיין וצדיק אדער איין גירעכטעגער וואס איז ארויס גיגאנגין זכאי ביי דעם בית דין אונ איינער פון דיא דיינים האט גיזאגט איך האב אויף אים מלמד חוב צו זיין אל זאלסטו ניט הרגנן כי ווארום איך גאט וועל ניט גירעכט מאכין דעם רשע חאטשע ער איז פון דעם בית דין ארויס גיגאנגן זכאי איז ביי מיר פאר האנדין פיל שלוחים צו הארגענען אים מיט דער מיתה וואס עס קומט אים: (ח) ושחד לא תקח אונ שוחד זאלסטו ניט נעמען אפילו צו משפטין אמת אונ מכל שכן פאלש צו פסקנן כי ווארום דער שוחד יעור טוט מאכין בלינד דיא אויגען פון דיא קלוגע. נרש"י שרייבט אפילו דער וואס איז אחכם אין דער תורה אונ נעמט שוחד איז דער סוף אז ער פארלירט זיין שכל אונ פאר געסט דאס לערנען אונ זיינע אויגען ווערין אים טונקעל ויסלף אונ ער

מצות השם

(סכ) [לאו מט] שלא לחתוך הדין כאומד הדעת אפילו ראהו רודף וכידו חרב ובה דם וההרוג מפרפר עד שיראו עדים גופו של דבר שנאמר ונקי וצדיק אל תהרוג:

(סג) [לאו נ] שלא ליקח שוחד שנאמר ושוחד לא תקח:

דעם צדיק ער זאל ניט דארפין בצאהלין אזוי פיל געלט אום רשע, דאס טאר מען ניט, נאר ווער עס איז גירעכט פון מען אים גירעכט מאכן, אונ ווייל דער רשע איז ארעם אין מצות דריבער רופט אים די תורה אביון:

(ז) ונקי וצדיק אל תהרוג וגו'. בית דין טארין ניט פסקנן אדין ווייל עס דאכט זיך זייא אז עס איז אזוי, דהיינו מענטשין האבין גיזעהן ווי ראובן האלט אשווערד אין האנט אונ יאגט נאך אמענטש אונ וויל אים הרגנן, אונ דער מענטש איז אריין גילאפין אין אליידיגע שטוב אונ ראובן איז אויך אריין גילאפין אין די שטוב, אונ מען איז אריין געקומען אין שטוב אונ מען זעהט דער מענטש ליגט טויט, איז דאך געוויס אז ראובן האט דעם מענטש געהרגת, פון דעסטוועגין טאר מען ניט הרגנן ראובן סיידין עדות זענען גיוועןן דארטין אונ האבין פריער אנגיזאגט ראובן ער זאל דעם מענטש ניט הרגנן ווארום מען וועט אים הרגנן, אונ ראובן האט ניט געפאלגט אונ האט אים געהרגת אונ די עדות האבין גיזעהן ווי ער האט אים געהרגת, דאמאלס הרגת מען ראובן:

(ח) ושחד לא תקח וגו'. ווען צוויי מענטשין קומען צו דיינים האבין אדין תורה טאר ניט אדיין נעמען

ומקלקל פתגמין תריצין: ט וגיורא לא תעיקון ואתון ידעתון ית נפשא דגיורא ארי דיירין הויתון בארעא דמצרים: י ושית שנין תזרע ית ארעך ותכנוש ית עללתה: יא ושביעתא תשמטינה ותרטשינה ויכלון מסכיני עמך

דברי צדיקים: ט וגר לא תלחץ ואתם ידעתם את־נפש הגר כי־ גרים הייתם בארץ מצרים: י ושש שנים תזרע את־ארצך ואספת את־ תבואתה: יא והשביעת תשמטנה ונטשתה ואכלו אביני עמך ויתרם

הו"א וגר לא תלחץ. מציעא נט ס' הזוהר בדברי ספבא פי' נפלא: והשביעית תשמטנה. סוכה מד מועד קטן ג מציעא לט:

## בעל הטורים

(י) את תבואתה והשביעית. לאסור פירות ערב שביעית שנכנסו לשביעית: (יא) ויתרם. ג' דין ואידך ויתרם הלזה אם לומר שפירות

## רשב"ם

לשון עיזרון. ואצל צדיק סילוף: (י) ואספת את תבואתה. בביתך ולא הניחנה הפקר אלא בשביעית תשמטנה שלא תזרע ונטשתה שלא תאסוף תבואתה:

## ריש"י

ומקלקל: דברי צדיקים. דברים המצודקים משפטי אמת וכן תרגומו פתגמין תריצין ישרים: (ט) וגר לא תלחץ. בהרבה מקומות הזהירה תורה על הגר מפני שסורו רע (ב"מ נט): את נפש הגר. כמה קשה לו כשלוחצים אותו: (י) ואספת את תבואתה. לשון הכנסה לבית כמו (דברים כב) ואספתו אל תוך ביתך: (יא) תשמטנה. מעבודה: ונטשתה. מאכילה אחר זמן הביעור. ד"א תשמטנה מעבודה גמורה כגון חרישה וזריעה. ונטשתה מלזבל ומלקשקש: ויתרם

## שפתי חכמים

נ ר"ל דין תורה כדכתיב משפטי ה' אמת וגו': ס י"מ כמו שאור דהיינו שילה"ר כלו' שילה"ר שלו קשה ורע וגוח לפתות. וי"מ כיון שסר מן הדרך טוב אינו חוזר ע"י פיתוי דברים: ע פי' משום שהשמטה והנטישה בכ"מ השמטת ונטישת דבר מדבר: פ במועד קטן פירש"י שחורשין תחת האילנות כדי שילמח ובב"מ פרש"י שמכסין בקש ובזבל שרשין של אילנות בימות החורף שלא

## דעת זקנים מבעלי התוספות

(י) ושש שנים תזרע וגו'. אתמר במדרש דאפי' אין לו לאדם אלא חורבה אחת בתוך גנו חייב לעבדה בכל יום ונראה לה"ר משה דוקא בארץ ישראל כדי להרבות הפרשת התרומות ומעשרות:

## עניני הקים מצות ומשפטים

(י) ושש שנים תזרע את ארצך וגו'. עד הנה דברו המקרא קדם מדיינים ובעלי דינים ועדים שיהיה הכל על לד האמת והיושר ושלא יעוותו הדינים. ומאחר כי בעון עוות הדין רעב בא לעולם. ע"כ אמר פה להיפך. אם הדינים יהיו על לד האמת יהיה שובע בעולם. ושש שנים רלופות תזרע את ארלך ואספת את תבואתה ולא תלטרך להוכיר השדה בינתים. רק בשנה השביעית לא תזרע. וכן תשמור את יום השבת ובכל אשר אמרתי אליכם תשמרו:

## פירוש לתורת אלהים

פאר קרימט דברי די גירעכטי רייד כלומר אמתין משפט: (ט) וגר און אגר לא תלחץ זאלסטו ניט בצווינגען ואתם און איר ווייסט וואל דעם ווילען פון גר וויא עס ארט אים אז מען בצווינגט אים כי ווארום איר זענט דאך אויך גרים געוועזן אין לאנד מצרים: (י) ושש שנים און זעקס יאהר תזרע זאלסטו נייען דיין לאנד ואספת און זאלסט איין זאמלען איר תבואה: (יא) והשביעית און דאס זיבעטע יאהר תשמטנה זאלסטו זיא פאר לאזין פון צו אקערין און פון צו זייען ונטשתה און זאלסט זיא פאר לאזין פון צו מיסטיגען ואכלו און די תבואה וואס וואקסט אליין אויף די פעלדער דאס זיבעטע יאהר זאלין דאס עסין די ארעמע לייט פון דיין פאלק ישראל און זיי בדארפין קיין

## מצות השם

(פד) [עשה לד] להשמיט בשנה השביעית מה שתוליא הארץ שנאמר והשביעית תשמטנה ונטשתה:

געלט אונ ניט אמתנה פון איינעם פון די צוויי מענטשין, אפילו דער דיין מיינט גאר ניט צו גירעכט מאכין דעם מענטש, ער מיינט נאר צו פסקנן אאמתה דין תורה, פון דעסטוועגין טאר ער ניט נעמען געלט פון איינעם, נאר פון ביידע צו זאמען מעג ער נעמען פסק געלט, ווייל דער דיין איז דאך ניט מחויב ער זאל זיך מטריח זיין פון זייערטוועגין, ווארום אונ אין די צייט וואס ער פסקנט זיי זייער דין וואלט ער דאך גיקענט עפעס פארדינען, אונ צו נעמען פון איינעם מער פסק געלט אונ פון אנדערין ווייניגער טאר מען אויך ניט:

(יא) והשביעית תשמטנה וגו'. ווען דיא יודין זענען געוועזן אין ארץ ישראל האבין זייא געזייעט זייערע פעלדער זעקס יאהר, אונ דעם זיבעטין יאהר האבין זיי ניט גיטארט זייען דיא פעלדער אונ ניט אקערין אונ ניט פירען מיסט אויף די פעלדער, אונ וואס עס האט געוואקסין אין פעלד פון זיך אליין, אין דעם זיבעטין יאהר, אונ די פריכטין וואס וואקסין פון זיך אליין אין די וויינגערטנער אין דעם זיבעטין יאהר, דאס האט דער בעל הבית געמוזט פריי מאכין פאר אלע מענטשין אונ פאר אלע בהמות אונ חיות, וועה עס וועט וועלין זאל אריין גיין אין פעלד אדער אין ווין גארטין אונ עסין וואס ער וועט וועלין, אונ מען טאר ניט האנדלען מיט די פירות אונ תבואות וואס וואקסין אין דעם זיבעטין יאהר אונ די מצוה איז נוהג ביי זכרים אונ נקבות:

תֹּאכַל חַיַּת הַשָּׂדֶה כֵּן־תַּעֲשֶׂה
לְכַרְמְךָ לְזֵיתֶךָ׃ יב שֵׁשֶׁת יָמִים
תַּעֲשֶׂה מַעֲשֶׂיךָ וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי
תִּשְׁבֹּת לְמַעַן יָנוּחַ שֽׁוֹרְךָ וַחֲמֹרֶךָ
וְיִנָּפֵשׁ בֶּן־אֲמָתְךָ וְהַגֵּר׃ יג וּבְכֹל
אֲשֶׁר־אָמַרְתִּי אֲלֵיכֶם תִּשָּׁמֵרוּ וְשֵׁם
אֱלֹהִים אֲחֵרִים לֹא תַזְכִּירוּ לֹא

## אונקלוס

וּשְׁאָרְהוֹן תֵּיכוֹל חֵיוַת
בָּרָא כֵּן תַּעֲבֵיד לְכַרְמָךְ
לְזֵיתָךְ׃ יב שִׁתָּא יוֹמִין
תַּעְבֵּיד עוֹבָדָךְ וּבְיוֹמָא
שְׁבִיעָאָה תְּנוּחַ בְּדִיל
דִּיְנוּחַ תּוֹרָךְ וַחֲמָרָךְ
וְיִשְׁקוֹט בַּר אַמְתָךְ
וְגִיּוֹרָא׃ יג וּבְכֹל דִּי אֲמָרִית
לְכוֹן תִּסְתַּמְרוּן וְשׁוּם
טַעֲוַת עַמְמַיָּא לָא

תו"א וינפש בן. יבמות מח: ובכל אשר אמרתי. שבת יח: ושם אלהים אחרים. סנהדרין סג קט:

## רשב"ם

(יא) לכרמך לזיתך. כמו מן תבואה דרך המקרא להזכיר דגן ותירוש ויצהר וה"ה לכל אוכלין שהן גידולי קרקע כדכתיב בפ' בהר סיני: (יג) ובבל אשר אמרתי אליכם. מיום התחלת הדברות עד עכשיו: תשמרו. חוזר וכופל ושונה אזהרותיו. ורבותינו דרשו

## בעל הטורים

שביעית אסורין בהנאה ותופסין את דמיהן וצריך לבערן: (יג) ושם אלהים אחרים. וסמיך ליה שלש רגלים לומר לך כל המבזה את המועדות כאלו עובד ע"א. וסמיך פסח לע"א לומר מה

## שפתי חכמים

יתקלקל מחמת הקור: צ דאם לא כן למה נאמר ויתרס וגו' הא לא שייך לומר להתיר אכילתו לחיה בשביעית דהא החיה לא ברשותו היא: ק פי' האי כן תעשה ארישא דקרא קאי כלו' כמו בעשית בשדה הלבן כן תעשה לכרמך וגו': ר דאל"כ למה נסמכה לשביעית אף שנאמרה לדברים שנתחדשו בה דהעבד הערל והגר תושב שיהיו שובתים ביום שבת אפ"ה יש ללמוד זה נמי מדכתבה פה: ש דאל"כ למה נאמר הא כבר נאמר בדברות אי מפיס שלא תאמר הואיל וכו' היה די לומר וביום השביעי תשבות: ת דלעיל בעשרת הדברות דבר בעבד כנעני שהוא נימול וכאן בעבד כנעני שהוא ערל והיא עדיין בתוך י"ב חדש מבקנאו אבל יותר מכן ואינו רוצה לימול אינו רשאי לקיימו ערל: א דאי גר לדק הא כבר כתיב וגרך אשר בשעריך א"נ דאי גר לדק הא ישראל גמור הוא: ב לכך אמרינן בכ"מ דעשה דוחה ל"ת לפי שכל עשה

## רש"י

תאכל חית השדה. (מכילתא) להקיש מאכיל אביון למאכל חיה מה חיה אוכלת צ בלא מעשר אף אביונים אוכלים בלא מעשר מכאן אמרו אין מעשר בשביעית: כן תעשה לכרמך. ותחלת המקרא מדבר ק בשדה הלבן כמו שאמר למעלה הימנו תזרע את ארצך: (יב) וביום השביעי תשבת. (מכילתא) אף בשנה השביעית לא תעקר שבת בראשית ר ממקומה שלא תאמר הואיל וכל השנה קרויה שבת לא תנהוג בה שבת בראשית: למען ינוח שורך וחמורך. תן לו נייח להתיר שיהא תולש ואוכל עשבים ש מן הקרקע או אינו אלא יחבשנו בתוך הבית אמרת אין זה נייח אלא צער: בן אמתך. (מכילתא)

בעבד ת הערל הכתוב מדבר: והגר. זה א גר תושב: (יג) ובבל אשר אמרתי אליכם תשמרו. (מכילתא) לעשות כל מצות עשה ב באזהרה שבל שמירה שבתורה אזהרה היא במקום לאו: לא תזכירו. (ע"ז נ) שלא

## פירוש לתורת אלהים

מְעַשֵׂר נִיט דֶער פוּן גֶעבִּין אוּנ זֵייעֶר אִיבֶּערִיגֶע תְּבוּאָה תֹּאכַל זָאלִין דִי חַיּוֹת פוּן פֶּעלְד עֶסִין כֵּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טָאהְן דָאס הַייְסְט דוּ זָאלְסְט דִיךְ נוֹהֵג זַיין לְכַרְמְךָ צוּ דַיין וַויין גָארְטִין לְזֵיתֶךָ אוּנ צוּ דַיין אֵיילְבִּירְטֶען: (יב) שֵׁשֶׁת יָמִים זֶעקְס טָאג אִין דֶער וָואךְ תַּעֲשֶׂה זָאלְסְטוּ טָאהְן דַיינֶע וֶוערְג וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי אוּנ אִין דֶעם זִיבֶּעטִין טָאג תִּשְׁבֹּת זָאלְסְטוּ רוּהֶען כְּלוֹמַר אֲפִילוּ אִין דֶעם זִיבֶּעטִין יָאהר וָואס דָאס גַאנְצֶע יָאהר הַייסְט שַׁבָּת זָאלְסְטוּ דִיר נִיט טְרַאכְטִין אַז דִי דִינִים פוּן שַׁבָּת גֵייעֶן נִיט אָן אִין דֶעם זִיבֶּעטִין טָאג פוּן דֶער וָואךְ נָאר דוּ מוּזְט הַאלְטִין שַׁבָּת גְלַייךְ וִוי אַלֶע יָאהר לְמַעַן דְרוּם יָנוּחַ עֶס זָאל רוּהֶען דַיין אָקְס מִיט דַיין אֵייזִיל וְיִנָּפֵשׁ אוּנ עֶר זָאל רוּהֶען בֶּן אֲמָתְךָ דֶער זוּהְן פוּן דַיין דִינְסְט מוֹיד וְהַגֵּר אוּנ דֶער גֵר: (יג) וּבְכֹל אוּנ אַלֶע מִצְוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶיזָאגְט צוּ אַייךְ תִּשָּׁמֵרוּ זָאלְט אִיר זַיין גֶעהִיט אִיר זָאלְט זֵיי מְקַיֵּים זַיין וְשֵׁם אוּנ דֶעם נָאמֶען אֱלֹהִים אֲחֵרִים פוּן פְרֶעמְדֶע אָפּ גֶעטֶער

## מצות השם

(פה) [עשה לה] לשבות בשבת שנאמר וביום השביעי תשבות:
(פו) [לאו נח] שלא לישבע בשם עבודת כוכבים שנאמר ושם אלהים אחרים לא תזכירו:

(יב) וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי תִּשְׁבֹּת וגו'. עֶס אִיז אַ מִצְוָה מֶען זָאל רוּהֶען שַׁבָּת, אוּנ מֶען זָאל קֵיין מְלָאכָה טָאהְן אוּם שַׁבָּת, אוּנ אֲפִילוּ דִי בְּהֵמוֹת פוּן דֶעם יוּד מוּזִין אוֹיךְ רוּהֶען שַׁבָּת, אוּנ אוֹיבּ בַּיי אַ יוּד אִיז דָא אַ כְּנַעֲנִישֶׁע דִינְסְט וָואס עֶר הָאט זִיא גֶעקוֹיפְט, אוּנ זִיא הָאט קִינְדֶער, מוּזִין דִיא קִינְדֶער אוֹיךְ רוּהֶען אוּם שַׁבָּת אוּנ טָארִין נִיט טָאהְן קֵיין אַרְבֶּעט, אוּנ דֶער יוּד וָואס הָאט גֶעקוֹיפְט כְּנַעֲנִישֶׁע קְנֶעכְט אוּנ דֶער קְנֶעכְט הָאט זִיךְ מַל גִיוֶועְן אוּנ טוֹבֵל גִיוֶועְן, מוּז עֶר שׁוֹין טָאהְן אַלֶע מִצְוֹת וָואס אַ אִשָּׁה מוּז טָאהְן, דֶער קְנֶעכְט מוּז אוֹיךְ רוּהֶען אוּם שַׁבָּת, אוּנ אַ יוּד טָאר נִיט זָאגִין צוּ אַ עַכּוּ"ם אַז עֶר זָאל טָאהְן אֵיין מְלָאכָה אוּם שַׁבָּת פוּן דֶעם יוּדִינְס וֶועגִין, דִיא מִצְוָה אִיז נוֹהֵג אִין יֶעדֶער צַייט אוּנ אוֹיף יֶעדֶער אָרְט בַּיי זְכָרִים אוּנ נְקֵבוֹת:

(יג) וְשֵׁם אֱלֹהִים אֲחֵרִים לֹא תַזְכִּירוּ וגו'. אַ יוּד טָאר נִיט שְׁוֶוערִין אוּנ טָאר נִיט אַנְדֶר טָאהְן בַּייא דֶעם

תִּדְכְּרוּן לָא יִשְׁתְּמַע עַל
פּוּמָךְ׃ יד תְּלָת זִמְנִין
תְּחַגּוּן קֳדָמַי בְּשַׁתָּא׃
טו יָת חַגָּא דְפַטִּירַיָּא תִּטַּר
שִׁבְעָא יוֹמִין תֵּיכוּל
פַּטִּירָא כְּמָא דִי פַקֵּדְתָּךְ
לִזְמַן יַרְחָא דַאֲבִיבָא אֲרֵי
בֵיהּ נְפַקְתָּא מִמִּצְרָיִם
וְלָא יִתַחְזוֹן קֳדָמַי רֵיקָנִין׃
טז וְחַגָּא דַחֲצָדָא בִּכּוּרֵי

יִשָּׁמַע עַל־פִּיךָ׃ יד שָׁלֹשׁ רְגָלִים
תָּחֹג לִי בַּשָּׁנָה׃ טו אֶת־חַג הַמַּצּוֹת
תִּשְׁמֹר שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל מַצּוֹת
כַּאֲשֶׁר צִוִּיתִךָ לְמוֹעֵד חֹדֶשׁ הָאָבִיב
כִּי־בוֹ יָצָאתָ מִמִּצְרָיִם וְלֹא־יֵרָאוּ
פָנַי רֵיקָם׃ טז וְחַג הַקָּצִיר בִּכּוּרֵי

תו"א לא ישמע. סנהדרין סג בכורות ב: שלש רגלים. חגיגה ב ג: את חג. חגיגה יח: ולא יראו. חגיגה ז: וחג הקציר. חלה פד ביכורים פא חגיגה יח מנחות פד:

## בעל הטורים

ע"א אסורה בהנאה ואוסרת בכל שהוא אף חמץ בפסח אסור

## רשב"ם

לרבות שביתת כלים: (טז) וחג הקציר. קרבנות

## רש"י

יאמר לו שמור לי בצד ע"ז פלונית או תעמוד עמי ביום ע"ז פלונית ד"א ובכל אשר אמרתי אליכם תשמרו ושם אלהים אחרים לא תזכירו ללמדך ששקולה ע"ז כנגד כל המצות כולן והנזהר בה כשומר את כולן: לא ישמע. מן הנכרי: על פיך. שלא תעשה שותפות עם נכרי וישבע לך בע"ז שלו נמצאת שאתה גורם שיזכיר על ידך: (יד) רגלים. פעמים וכן (במדבר כב) כי הכיתני זה שלש רגלים: (טו) חדש האביב. שהתבואה מתמלאת בו באביה. אביב לשון אב בכור וראשון לבשל פירות: ולא יראו פני ריקם. כשתבאו לראות פני ג' ברגלים הביאו לי עולות (חגיגה ז): (טז) וחג הקציר. הוא

## שפתי חכמים

יש בו ג"כ ל"ת וא"כ הו"ל תרתי עשה ול"ת מש"ה דוחה את ל"ת גרידא: ג דאל"כ למ"ל קרא וכי תעלה על דעתך שיזכיר שם ע"א שהוא מכחיש בה ומוזהר עלי' לאבדה: ד וא"ל בכספים מדכתיב פני ואין מקבלין פני אדון אלא בקרבן ובמכילתא דריש נאמר שמחה כאדם וגו' ונאמר שמחה בשמים מה של אדם דבר הראוי לבא בידי אדם אף של שמים דבר הראוי לבא בידי שמים והיינו

## עניני חקים מצות ומשפטים

(יד) שלש רגלים תחוג לי בשנה. מחמת שזכר כאן דיני השמטה שאין בו חרישה וזריעה וקצירה ואסיפה. והשלש רגלים שלוה התורה קבעה זמן הפסח בזמן האביב ושבועות בזמן קציר חטים וסוכות בזמן אסיפת התבואות. ובשנת השמטה שבשלשה זמנים אלו בטלים. גם המועדים יהיו בטלים. ע"כ הזהיר הכתוב שהרגלים לא יהיו בטלים ואף זמני הרגלים לא יעקרו ממקומם. שבמועד האביב והקציר והאסיפה של כל השנים יהיו המועדים אף בשנת השמטה:

## פירוש לתורת אלהים

לא תזכירו זאלט איר ניט דער מאנען: (יד) שלש רגלים תחוג לי בשנה דריי מאהל אין יאהר זאלסטו צו מיר פייער טאגין: (טו) את חג המצות דעם יום טוב פון מצות דאס איז פסח תשמור זאלסטו היטען שבעת זיבען טאג תאכל זאלסטו עסין מצות כאשר אזוי ווי איך האב דיר גיבאטין למועד צו דער צייט חודש פון דעם חודש וואס די תבואה ווערט צייטיג דאס איז ניסן כי ווארום דעם חודש ביזטו ארויס גיגאנגען פון מצרים ולא אונ מיין פנים זאל ניט גיזעהן ווערין ליידיג אז איר וועט קומען עולה רגל זיין קיין ירושלים זאלט איר ברייננגען עולות פון מייגעטוועגין: (טז) וחג הקציר אונ דעם יום טוב וואס איז אין חודש סיון וואס דענסטמאהל איז דער שניט בכורי פון דיינע ערשטע

## לקוטים על התורה

(יד) שלש רגלים תחוג לי בשנה. גאט האט גיבאטין מען זאל היטען דריי ימים טובים אין יאהר. פסח. שבועות. סוכות. אונ אין די דריי ימים טובים זאלין אלע יודין קומען אין ירושלים גיזעהן ווערין פאר גאט

## מצות השם

(פז) [לאו נב] שלא להדיח אחר עבודת כוכבים שנאמר לא ישמע על פיך:
(פח) [עשה לו] לחוג בשלש רגלים שנאמר שלש רגלים תחוג לי בשנה:

נאמען פון די עכומ"ז, אונ איוד טאר ניט זאגין צו איינעם ווארט אויף מיר געבין די עכומ"ז, אונ איוד טאר ניט ברייננגען צו דער זאך אז עס זאל דורך אים דערמאנט ווערין דער נאמען פון די עכומ"ז, דהיינו ער טאר ניט האבין אגעשעפט מיט א עכו"ם, ווארום טאמער וועט אום קומען דער עכו"ם וועט שווערין אדער ער וועט טאהן אנדר ביי זיין עכומ"ז, אונ דער יוד וואס שווערט אדער ער טוהט אנדר ביי דעם נאמען פון די עכומ"ז קומט אים מלקות, אונ די מצוה איז אויך צו יעדער צייט אונ אויף יעדער ארט ביי זכרים אונ נקבות:

דס קלייד אונ דאס פערד געבן על יד אין דר האנד
ארין איינעם פון דיא גרעכטע פירשטען והלבישו
אונ מען זאל דעם מאן ווס דר מלך בגערט אים
כבוד אן צו טאן אן קליידן אין די קליידר והרכבוהו
אונ מען זאל אים מאכן רייטן אוף דעם פערד אין
מוטן מארק וקראו אונ זאלען פאר אים שרייען ככה

העיר וקראו לפניו ככה יעשה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו: י ויאמר המלך
להמן מהר קח את־הלבוש ואת־הסוס כאשר דברת ועשה־כן למרדכי היהודי
היושב בשער המלך אל־תפל דבר מכל אשר דברת: יא ויקח המן את־הלבוש
ואת־הסוס וילבש את־מרדכי וירכיבהו ברחוב העיר ויקרא לפניו ככה יעשה לאיש
אשר המלך חפץ ביקרו: יב וישב מרדכי אל־שער המלך והמן נדחף אל־ביתו אבל
וחפוי ראש: יג ויספר המן לזרש אשתו ולכל־אהביו את כל־אשר קרהו ויאמרו
לו חכמיו וזרש אשתו אם מזרע היהודים מרדכי אשר החלות לנפל לפניו לא־
תוכל לו כי־נפול תפול לפניו: יד עודם מדברים עמו וסריסי המלך הגיעו ויבהלו
להביא את־המן אל־המשתה אשר־עשתה אסתר: ז א ויבא המלך והמן לשתות
עם־אסתר המלכה: ב ויאמר המלך לאסתר גם ביום השני במשתה היין מה־
שאלתך אסתר המלכה ותנתן לך ומה־בקשתך עד־חצי המלכות ותעש: ג ותען
אסתר המלכה ותאמר אם־מצאתי חן בעיניך המלך ואם־על־המלך טוב תנתן־לי
נפשי בשאלתי ועמי בבקשתי: ד כי נמכרנו אני ועמי להשמיד להרוג ולאבד ואלו
לעבדים ולשפחות נמכרנו החרשתי כי אין הצר שוה בנזק המלך: ס ה ויאמר המלך

**תו"א** ועשה כן למרדכי. מגלה טז: ויקח המן. שם (ברכות ב יומא מ): את הלבוש. שם: ויקרא לפניו ככה יעשה. שם: וישב מרדכי. שם: ויספר המן. שם: אם מזרע היהודים. שם עקידה שער כז: וסריסי המלך. מגלה שם: אם מצאתי חן בעיניך. שבת השקפות בשלשה עקידה שער מד: כי נמכרנו אני ועמי. מגילה שם: כי אין הצר שוה בנזק המלך. זוהר פ' בלוק: ויאמר המלך אחשורוש ויאמר לאסתר המלכה. מגילה פ"א דף טז:

## רש"י

שראה פינו של מלך רעה על שאמר שיתנו הכתר בראש אדם: (יב) וישב מרדכי. לשקו מ ולתעניתו: אבל וחפוי ראש. רבותינו נ פירשו הדבר במסכת מגילה: (יג) אשר החלות לנפל וגו'. אמרה אומה זו נמשלו לכוכבים ס ולעפר כשהם יורדים יורדים עד לעפר וכשהם עולים עולים עד לרקיע ועד הכוכבים: (ג) תנתן לי נפשי. שלא אהרג בשלטה עשר באדר שגזרת גזירת הריגה על עמי ומולדתי: ועמי. ינתן לי בבקשתי שלא יהרגו ואם תאמר מה איכפת לך כי איככה אוכל וראיתי וגו': (ד) כי אין הצר שוה בנזק המלך. אינגו חושש בנזק המלך שאילו רדף אחר הנאתך היה לו לומר מכור אותם לעבדים ולשפחות וקבל הממון או החי' אותם להיות לך לעבדים הם וזרעם: (ה) ויאמר המלך אחשורוש ויאמר לאסתר המלכה. כל מקום שנאמר ויאמר ויאמר שני פעמים אינו אלא

## שפתי חכמים

שינה שקועה בלילה הנמשכת אחר המשתה. לכ"פ כס שיה: מ דק"ל דל"ל דשב מרדכי הלא כל עצמו של הכתוב אינו אלא לספר במפלתו של המן. לכ"פ לשקו ולתעניתו ויום ג' לתעניתו היה שהתחיל להתענות ביום י"ד בניסן ומה שקרא המקרא ליום אתמול שלישי ויהי ביום השלישי ותלבש אסתר מלכות יום שלישי לשילוח הרלים היה: נ דק"ל מה אבילות שייך בזה. לזה אמר ר"פ וכו' דדרשו בפ"ק דמגילה ע"ז: ס בגמרא בפ"ק דמגילה דייק מכפיפה דקרא כי נפול

## פירוש ע"ט

אזו טוט מען דעם מענטש וואס דער מלך וויל אים כבוד אן טאן: (י) ויאמר האט דער מלך געזאגט צו המן מהר געשווינד נעם דאס קלייד און דאס פערד אזו ווי דו האסט געזאגט יעשה און טוא אזו צו דעם יוד מרדכי וואס זיצט אין טויער פון מלך אל דו זאלסט ניט נאך לאזן איין זאך וואס דוא האסט געזאגט: (יא) ויקח האט המן גנומן דס קלייד און דאס פערד וילבש און האט דם מרדכי אן געקלייד וירכיבהו און איז מיט אים ארום גריטן אין מארק פון דער שטאט ויקרא און האט פאר אים אוס גרופן ככה אזו טוט מען אזעלכין מאן וואס דער מלך וויל אים כבוד אן טאן: (יב) וישב איז מרדכי ווידר צוריק געגאנגן אין טויער ארין פון דעם מלך והמן המן האט זיך אהיים געשארט אבל טרוריג און צו גדעקט דעם קאפ ווי איין אבל: (יג) ויספר האט המן דער ציילט זיין ווייב זרש און זייני פריינד וואס עס האט זיך אים גטראפן ויאמרו האבין צו אים זיינע יועצים און זיין ווייב זרש געזאגט אם אוב מרדכי איז פון די יודישע קינדר אשר החילות אז דו האסט נאר אן גהובין צו פאלן פר אים לא תוכל וועסטו פאר אים ניט קאנין בשטיין כי נפול ווארען דו וועסט פר אים פאלן: (יד) עודם זיי שמוסן נאך מיט אים וסריסי און דעם מלכות דונערס זענין אן גקומן ויבהילו און האבן גיאיילט אויף המן זיי זאלן אים ברענגן אויף דער סעודה אשר וואס אסתר האט גמאכט: (א) ויבא איז דער מלך גקומן מיט המן זאלן טרונקען מיט דיא מלכה אסתר אויף דער סעודה: (ב) ויאמר האט דער מלך געזאגט צו אסתר דעם אנדרן טאג איבר דער סעודה מה שאלתך וואס פר לאנגסטו אסתר דו מלכה וועט דיר געגעבן ווערן ומה און וואס איז דיין בגער ביז אין האלבן קיניגרייך וועט דיר גיטון ווערן: (ג) ותען ענפערט דיא מלכה און זאגט אם אוב איך האב ביי דיר געפינען חן אין דיינע אויגען ואם און אוב דעם מלך געפעלט תנתן לאז מען מיר שענקין מיין לעבען איז מיין געבעט ועמי און מיין פאלקס לעבן איז מיין באגער: (ד) כי ווארען איך מיט מיין פאלק זענין פאר קופט געווארן להשמיד צו אום ברענגן און צו פאר לירן ואלו ווארן ווען מיר זאלן פר קופט ווערן פאר קנעכט און פאר דינסט מיידן וואלט איך געשוויגן כי אין הצד דער שונא ליידט גאר ניט אן דעם שאדין פון מלך: (ה) ויאמר

אחשורוש ויאמר לאסתר המלכה מי הוא זה ואי־זה הוא אשר־מלאו לבו לעשות כן:
ו ותאמר אסתר איש צר ואויב המן הרע הזה והמן נבעת מלפני המלך והמלכה:
ז והמלך קם בחמתו ממשתה היין אל־גנת הביתן והמן עמד לבקש על־נפשו
מאסתר המלכה כי ראה כי־כלתה אליו הרעה מאת המלך: ח והמלך שב מגנת
הביתן אל־בית ׀ משתה היין והמן נפל על־המטה אשר אסתר עליה ויאמר המלך
הגם לכבוש את־המלכה עמי בבית הדבר יצא מפי המלך ופני המן חפו: ט ויאמר
חרבונה אחד מן־הסריסים לפני המלך גם הנה־העץ אשר־עשה המן למרדכי אשר
דבר־טוב על־המלך עמד בבית המן גבה חמשים אמה ויאמר המלך תלהו עליו:
י ויתלו את־המן על־העץ אשר־הכין למרדכי וחמת המלך שככה: ס ח א ביום
ההוא נתן המלך אחשורוש לאסתר המלכה את־בית המן צרר היהודיים יהיר י׳

**תו"א** איש צר ואויב המן. שם דף יב טו: והמלך קם. מגילה פ"א דף טו: והמלך שב. שם: והמן נפל על המטה. שם סנהדרין קס: כגם לכבוש את המלכה. פסחים ק: וחמת המלך. ראש השנה יב מגילה טו סנהדרין קח זבחים קיג:

## שפתי חכמים

שפול לפניו שתי נפילות אלו נמה מלמד בהמרה לו הומה זו נמבלת לעפר ולכוכבים וכו׳ גם רש"י עיקר דיוקו מסיפיס דקרא לכן כתב זגימר להורות בדיוקו מנה שכתוב הה"כ: ע פי׳ של כלתה נגמרה זהה"כ ק"ל מה רעה עשו לו בחומר כלתה הרעה ועוד במה ידע שנגמרה הרעה דלמא ירע לו עוד כאשר פירש בהמת לכ"פ הבנאס והנקמה כלומר נ׳מר הבנא׳ שיבנאהו ויעש׳ בו נקמה: פ והמן נופל נפל מבע"ל. לכ"פ המלאך דוהפו והכי הית׳ בפ"ק דמגילה ופירש"י נופל משמע ל׳ עושה והולך נופל תמיד רולה לזקוף ומלאך מפילו:

## רש"י

למדרש ומדרשו של זה בתחלה היה מדבר עמה על ידי שליח עכשיו שידע שממשפחת מלכים היא דבר עמה הוא בעצמו: (ז) כי כלתה. נגמרה הרעה ע והשנאה והנקמה: (ח) והמן נפל. פ המלאך דהפו: על המטה אשר אסתר עליה. דרכן היה ליסב בסעודה על נדן על גבי המטות כמו שנאמר בראש הספר מטות זהב וכסף לבני המשתה: הגם לכבוש. לשון תימה הוא לכבוש להנים בחזקה כמו (במדבר לב כב) ונכבשה הארץ: (ט) גם הנה העץ. גם רעה אחרת עשה שהכין העץ לתלות אוהבו של

## קול יעקב

ח (א) (ביום ההוא נתן המלך אחשורוש לאסתר המלכה את בית המן) עס איז איין משל אורחים זענן גיזעסן בייא איין בעל הבית ביי איין סעודה אונ דר בעל הבית הט איטליכן אורח געגעבן זיין חלק עסן הט איין אורח גנומן זיין חלק אונ הט אוועק געגעבן איין אנדרן הט דר בעל הבית גיזעהן וואס דר אורח הט גיטאן, הט דעם בעל הבית פאר דראסין אונ הט ביי דעם אנדרן צו גנומן דס חלק עסן ווס דר אורח הט אים אוועק געגעבן אונ הט דאס חלק געגעבן וועמן ער הט גיוואלט אונ צו דעם אורח האט ער גזאגט דו האסט מיין ניט קיין רשות נאר צו עסין וואס מען גיט דיר אבר דוא האסט ניט קיין רשות אוועק צו געבין איין אנדרן דס וואס דוא ווילסט ניט איך נעם דאס חלק אפ אונ וועל געבן וועמן איך וועל ווילן דס משל איז אזי אחשורוש הט פר קויפט די יודן צו המן פר זיין בייככיים אונ נאך דעם אז המן איז גיקומן צוא אחשורוש מיט דעם געלד אונ אחשורוש הט גיזאגט דס זילבר שענק איך דיר האט גאט פר דראסן אונ זאגט דו רשע יודן זענן מיין אונ דס זילבר איז אויך מיין האסטו מיין קיין רשות ניט נאר זאלסט דס זילבר דיר נעמן אבר אז דוא זאגסט צו המן דאס זילבער שענק איך דיר איז דאך משמע אז דוא ווילסט ניט דאס זילבר וועל איך דאס זילבר נעבן וועמן איך וויל דאס זאגט דער מדרש גאט האט גזאגט איך שווער אז דאס ווס דוא האסט גזאגט צו המן איך שענק דיר דס זילבר איך וועל דס זילבר געבן צו אסתר המלכה ווייל דוא האסט קיין רשות ניט צו געבן איין אנדרן דאס זאגט ווייטער דער פסוק (ביום ההוא נתן המלך אחשורוש לאסתר המלכה את בית המן) טאקי דעם זעלבגן טאג ווס ער הט אוועק געשענקט צו המן דאס זילבר הט שון גאט אוועק געשענקט דס זילבער צו אסתר המלכה:

## פירוש ע"ט

האט אחשורוש גזאגט צו אסתר המלכה מי הוא זה ווער איז ער ואי זה אונ וועלכר איז דר אשר ווס ער זאל זיך אונטר שטעלן אזעלכס צו טאן: (ו) ותאמר זאגט אסתר דר פיינט אונ דער שלעכטר מענטש המן איז דר דאזיגר והמן אונ המן הט זיך דר שראקן פר דעם מלך אונ פר די מלכה: (ז) והמלך דר מלך איז מיט גרוס צארן אויף גשטאנין פון דר סעודה אין שפאצור גארטן אריין והמן אונ המן איז גשטאנן ער זאל זיך זיין לעבן אוס בעטין פון אסתר דיא מלכה כי ראה וואָרן ער הט גזעהן אז דר מלך וועט זיין צארין אויף אים אוס לאזן: (ח) והמלך אונ דער מלך הט זיך פון דעם גארטן צוריק אום גקערט אל בית אין שטוב אריין וויא דיא סעודה איז גוועזן והמן אונ המן פאלט אויף דעם בעט ארוף וויא אסתר איז דרויף גלעגן ויאמר ווילסטו נאך דיא מלכה ביי מיר אין שטוב באצווינגין הדבר דס ווארט איז נאר פון דעם קיניגס מול ארוס גגאנגן ופני המן אונ דאס פנים פון המן איז פר שעמט גווארן: (ט) ויאמר הט חרבונה גזאגט איינר פון דיא בדינטי לפני פר דעם מלך גם הנה העץ עס איז אויך דא איין תלויה וואס המן הט גמאכט פון מרדכס וועגין אשר דבר ווייל ער הט גרעט גוטס אויף דעם מלך דיא תלויה שטייט איז הויז פון המן גבוה איז הויך פופציג איילן ויאמר
דאס דער מלך גזאגט הענגט אים דרויף: (י) ויתלו הט מען גהאנגן המן אויף דער תלויה וואס ער האט
אן גברייט פון מרדכס וועגין וחמת אונ דער צארן פון מלך איז גשטילט גווארען:
(א) ביום ההוא דעם זעלבינין טאג האט אחשורוש געגעבן דס הויז פון המן צוא אסתר המלכה ומרדכי את
מרדכי איז גקומן פאר דעם מלך אונ איז נאך חשובר גווארן כי ווארן אסתר הט גזאגט וואס מרדכי

מרדכי בא לפני המלך כי־הגידה אסתר מה הוא־לה׃ ב ויסר המלך את־טבעתו
אשר העביר מהמן ויתנה למרדכי ותשם אסתר את־מרדכי על־בית המן׃ ס ג ותוסף
אסתר ותדבר לפני המלך ותפל לפני רגליו ותבך ותתחנן־לו להעביר את־רעת
המן האגגי ואת מחשבתו אשר חשב על־היהודים׃ ד ויושט המלך לאסתר את
שרבט הזהב ותקם אסתר ותעמד לפני המלך׃ ה ותאמר אם־על־המלך טוב
ואם־מצאתי חן לפניו וכשר הדבר לפני המלך וטובה אני בעיניו יכתב להשיב
את־הספרים מחשבת המן בן־המדתא האגגי אשר כתב לאבד את־היהודים אשר
בכל־מדינות המלך׃ ו כי איככה אוכל וראיתי ברעה אשר־ימצא את־עמי ואיככה
אוכל וראיתי באבדן מולדתי׃ ס ז ויאמר המלך אחשורוש לאסתר המלכה
ולמרדכי היהודי הנה בית־המן נתתי לאסתר ואתו תלו על־העץ על אשר־שלח ידו
ביהודיים יתיר י׳׃ ח ואתם כתבו על־היהודים כטוב בעיניכם בשם המלך וחתמו
בטבעת המלך כי־כתב אשר־נכתב בשם־המלך ונחתום בטבעת המלך אין
להשיב׃ ט ויקראו ספרי־המלך בעת־ההיא בחדש השלישי הוא־חדש סיון בשלושה
ועשרים בו ויכתב ככל־אשר־צוה מרדכי אל־היהודים ואל האחשדרפנים והפחות
ושרי המדינות אשר ׀ מהדו ועד־כוש שבע ועשרים ומאה מדינה מדינה ומדינה
ככתבה ועם ועם כלשנו ואל־היהודים ככתבם וכלשונם׃ י ויכתב בשם המלך
אחשורוש ויחתם בטבעת המלך וישלח ספרים ביד הרצים בסוסים רכבי הרכש

רנ״א ותשם אסתר את מרדכי על בית המן. מגילה י: ותאמר אם על המלך טוב. שקידה עשר לג: ויקראו ספרי המלך. ראש השנה ז: מהדו ועד כוש. מגילה יב: מדינה ומדינה ככתבה. שם: ככתבם וכלשונם. שם:

## רש״י

מלך בהליל המלך מסס המות: (א) מה הוא לה. איך הוא קרוב לה: (ג) להעביר את רעת המן. שלא תתקיים עצתו הרעה: (ז) הנה בית המן וגו׳. ומעתה צ הכל רואים שאני הפך בכם וכל מה שתאמרו יאמינו הכל שמאתי הוא לפיכך אין צריכין אתם להשיבם אלא כתבו ספרים אחרים כטוב בעיניכם: (ח) אין להשיב. אין אדם להשיבו ולעשות כתב המלך כזיוף: (ט) ככתבה. באותיות שלה: כלשונו. הוא הדיבור: (י) ביד הרצים.

## שפתי חכמים

צ דק״ל היא בקשה להפר מחשבות המן והוא השיב הנה בית המן ואין זה תשובה לבקשתה. לכך פירש ומעתה הכל רואים וכו׳:

## פירוש ע״ט

קער איר אן: וב) ויסר הט דר מלך גנומן דס פינגריל
וואס ער הט פון המן אראפ גנומן אונ הט עס גגעבן
צו מרדכי ותשם הט אסתר מרדכין גזעצט אויף דעם
הויז פון המן: (ג) ותוסף הט אסתר נאך מער גרעט
מיט דעם מלך ותפול אונ איז אים גפאלן צו די
פיס ותבך אונ הט גוויינט אונ הט גבעטן אים להעביר
ער זאל דס שלעכטס פון המן אפ טוען ואת מחשבתו
אונ דס וואס ער הט גהאט בייזע מחשבות אויף יודן
זאל ער פון די יהודים אפ טוען: (ד) ויושט הט דר
מלך צו אסתר דר לאנגט די גילדינע רוט ותקם איז
אסתר אויף גשטאנין פון דער ערד אונ האט זיך
גשטעלט פר דעם מלך: (ה) ותאמר אונ הט גזאגט
אם אויב עס גפעלט דעם מלך ואם אונ אויב איך
האב גפונען חן אין דיינע אויגן וכשר אונ די זאך איז
רעכט פארטיג פר אים וטובה אני בעיניו אונ איך גפעל
אים אין זיינע אויגן יכתב זאל מען שרייבן מען זאל
צוריק קערין די בריף מחשבת וואס המן הט גטראכט
אשר אונ הט גשריבן מען זאל פר לירין אלע יודין
אשר וואס זענין אין אלע לענדר פון מלך: (ו) כי איככה
ווי וועל איך קענין וראיתי צו זעהן דאס שלעכץ וואס
וועט צו קומן מיין פאלק ואיככה אונ ווי וועל איך
קענין צו זעהן באבדן אז מיין משפחה וועט פר לורן
ווערן: (ז) ויאמר הט אחשורוש גזאגט צו אסתר אונ
צו מרדכי הנה דס הויז פון המן האב איך גגעבן צו
אסתר ואותו אונ אים הט מען גהאנגן ווייל ער הט
גשטרעקט זיין האנד אן יודן: (ח) ואתם אונ עטץ
שרייבט צו די יודן אזו וויא אייך גפעלט אין נאמן
דעם מלך וחתמו אונ חתמת מיט דעם קיניגס [illegible]
כי כתב ווארן אזו איין שריפט וואס איז גשריבן אין
נאמין דעם מלך ונחתום אונ גחתמת מיט דעם
נאמן פון דעם מלך אין להשיב טאר מען ניט צוריק
נעמן: (ט) ויקראו הט מען באלד גרופן די שרייבר
פון דעם מלך בחדש דרייא אונ צוואנציג טאג אין
חודש סיון ויכתב אונ הט גשריבן וואס מרדכי בפעלט
צו די יודן ואל צו אלע פירשטין אונ גראפין אונ
די לאנד הערן אשר מהודו פון הודו ביז כוש שבע
הונדרט אונ זיבין אונ צוואנציג לענדר מדינה צו
איטליבע מדינה מיט זיין שריפט ואל אונ צוא
איטליכן פאלק מיט זיין שפראך ואל אונ צו די יודן
אויף זייער לשון: (י) ויכתב אונ האט גשריבן אין
נאמן פון קיניג ויחתום אונ גחתמית מיט דעם חותם
פון מלך וישלח אונ הט גשיקט די בריף דארך די

האחשתרנים בני הרמכים: יא אשר נתן המלך ליהודים | אשר בכל־עיר־ועיר
להקהל ולעמד על־נפשם להשמיד להרג ולאבד את־כל־חיל עם ומדינה הצרים אתם
טף ונשים ושללם לבוז: יב ביום אחד בכל־מדינות המלך אחשורוש בשלושה
עשר לחדש שנים־עשר הוא־חדש אדר: יג פתשגן הכתב להנתן דת בכל־מדינה
ומדינה גלוי לכל־העמים ולהיות היהודיים יתיר י׳ עתודים עתידים קרי ליום הזה
להנקם מאיביהם: יד הרצים רכבי הרכש האחשתרנים יצאו מבהלים ודחופים
בדבר המלך והדת נתנה בשושן הבירה: ס טו ומרדכי יצא | מלפני המלך
בלבוש מלכות תכלת וחור ועטרת זהב גדולה ותכריך בוץ וארגמן והעיר שושן
צהלה ושמחה: טז ליהודים היתה אורה ושמחה וששן ויקר: יז ובכל־מדינה
ומדינה ובכל־עיר ועיר מקום אשר דבר־המלך ודתו מגיע שמחה וששון ליהודים
משתה ויום טוב ורבים מעמי הארץ מתיהדים כי־נפל פחד־היהודים עליהם:

**תו״א** האחשתרנים בני הרמכים. שס פ״ב: ומרדכי יצא מלפני המלך. מגלה טז: והעיר שושן צהלה ושמחה שס יא: ליהודים היתה אורה ושמחה. שס טז עקרים מב פכ״ט: ובכל מדינה ומדינה ובכל עיר ועיר. שס דף כ: שמחה וששון ליהודים. סוכה מח:

## רש״י

רוכבי סוסים שצוה להם לרוץ: האחשתרנים. מין גמלים הממהרים לרוץ: (יח) ושללם לבוז. כאשר נכתב ברשונות והם בבזה לא שלחו את ידם שהראו לכל שלא נעשה לשם ממון: (יג) פתשגן. אגרת מפורש:

(יד) מבהלים. ממהרים אותם לעשות מהרה לפי שלא היה להם פנאי שהיה להם להקדים רצים הראשונים להעבירם: (טו) ותכריך בוץ. מעטה כמו טלית העשוי להתעטף: (יז) מתיהדים. מתגיירים:

## קול יעקב

(טז) ליהודים היתה אורה ושמחה) צוא דיא יודן איז געווען לעכטיג אונ פרייד זאגט דער מדרש אויף דעם הט דוד המלך גזאגט דעם פסוק (אמרו לאלהים מה נורא מעשיך) איר זאלט זאגן צו גאט וויא פארכטיג זענען דייני ווערק דר ענין דר פון איז אזו. זאלסט וויסן אז דער דרך פון גאט איז נים אזו ווי דר דרך פון אמענש דער שטייגר איז פון אמענטש אז איינר וויל אים שלעכטס טאן שטעלט ער זיך אקעגן ער זאל זיך נים לאזן קיין שלעכץ טאן אונ טראכט עצות ער זאל דעם פיינד פאר יאגן פון זיך אונ זאל אים צוא שלאגן זיין שלעכטי עצה אבר גאט ב״ה איז נים אזו ער וויל פאר שטערין דיא עצה פון דיא מענטשן ווס זינדיגן אונ טראכטן שלעכץ צו טאן דעם צדיק אונ גאט יויל דס שלעכץ וואס זייא ווילן דעם צדיק טאן זאל פאלן אויף זייא אליין אזו פאר שטערט ער נים זייער עצה נאר ער גיט זייא אין תארצן אריין איין עצה אז עם דאכט זיך זייא אז מיט דר עצה וועלן זייא קענן דעם צדיק שלעכץ טאן אונ צום סוף זענן זיי גאר נים פועל מיט דער עצה פאר קערט דס ווס זיי טוען מיט דר עצה טוען זיי זיך אליין דר מיט שלעכץ עס איז אמשל אגנב הט זיך אונטר גגראבן צו איין עושר אין שטוב אריין אונ הט ארום גיגאנבית אקאסטן מיט רענדלך אז ער הט גוואלט אנטלופן מיט דר גניבה הט ער זיך איין עצה גיהאלטן אין דיא גדאנקין אונ האט זיך מיישב גווען אונ איז אריין גיגאנגן אין דעם עושרס שטאל פון די פערד אונ האט ארוס גנומן פיר פערד מיט איין וואגן אונ האט ארוף גילייגט דעם קאסטן אויף דעם וואגן אונ איז גשווינד אוועק גלאפן מיט דיא פערד מיט דעם וואגן ער זאל לופען גלייך אין זיין שטאט אריין וויא ער האט גוואנט וויא ער לופט אזו אויף דעם וועג בגעגינט אים איינר אקלינר וואס ער איז אמאל גוועזן אמשרת ביא דעם עושר אונ הט תיכף דער קענט דעם וואגן מיט דיא פערד אז עס איז דעם עישרס הט דר מענטש פר שטאנען אז דער האט דאס אלדונג גגאנבית אונ דער משרת האט זייער גוואלט דאס אלדונג זאל ער אום קערין צו דעם עושר איז אים איין גפאלן אונ זאגט צו דעם גנב מיט חכמה איך זעה אז דוא ביסט איין עושר אונ איין פיינער מענטש איז נים שיין פאר

## פירוש ע״ט

לייפר אויף די פערד רוכבי דארך דיא ווס רייטן אויף די חיות ווס הייסן רענטירי ווס לופן זייער גשווינד: (יא) אשר נתן וואס דער מלך הט די בריף גגעבן צו אלע יהודים וואס זענין אין אלע שטעט להקהל זי זאלן זיך איין זאמלן אונ זאלן זיך היטן זייער לעבן להשמיד אונ זאלן אום הרגנן אלע פיינד ווס ווילן שלעכטס טוען טף ונשים ושללם לבוז מעגין הענגין קליינע קינדר אונ ווייבר פון די פיינד אונ איר פר מעגין צו רובין: (יב) ביום אחד דס זאל געשעהן אין איין טאג אין אלע מדינות פון דעם מלך בשלשה עשר דס זאל זיין דעם דרייצנטן טאג אין אדר: (יג) פתשגן הכתב דר אונהאלט פון די בריף להנתן עס גייט ארום איין בפעל אין אלע לענדר גלוי אין יעדר זאל וויסן ולהיות אז די יודן זאלן זיך אן ברייטן זייא זאלן זיך רעכנן אן זייער פיינד: (יד) הרצים דיא לייפר וואס זענין גריטן אויף די רענטירין יצאו זענין איילנדיג אונ גשווינד ארום גגאנגן מיט דעם מלכות בפעל והדת אונ דס גזעץ איז אום גרופן גווארן אין שושן: (טו) ומרדכי אונ מרדכי איז ארום גגאנגן פאר דעם מלך בלבוש אין איין קיניגליך קלייד תכלת אום בלא וואל וחור אונ ניידן צייג ותכריך אונ אין איין הילעפון לאינע אונ פערפיל וואל והעיר אונ די יודן פון שושן זענין ליסטיג אונ פריילך: (טז) ליהודים צוא דיא יודן איז גוועזן לעכטיג שמחה אונ ליסט אונ פרייד אונ עהר: (יז) ובכל אונ אין אלע לענדר ובכל אונ אין אלע שטעט מקום איבראל וויא דאס בפעהל האט גגרייכט שמחה איז ליסט אונ פרייד גוועזן צו דייודן משתה סעודות אונ פייער טאג ורבים אונ אסך גוים האבן זיך מגייר געוועזן כי ווארן די פאחט פון די יודן איז אויף זייא געפאלן:

ט א ובשנים עשר חדש הוא־חדש אדר בשלושה עשר יום בו אשר הגיע דבר־
המלך ודתו להעשות ביום אשר שברו איבי היהודים לשלוט בהם ונהפוך הוא
אשר ישלטו היהודים המה בשנאיהם: ב נקהלו היהודים בעריהם בכל־מדינות
המלך אחשורוש לשלח יד במבקשי רעתם ואיש לא־עמד בפניהם כי־נפל פחדם
על־כל־העמים: ג וכל־שרי המדינות והאחשדרפנים והפחות ועשי המלאכה אשר
למלך מנשאים את־היהודים כי־נפל פחד־מרדכי עליהם: ד כי־גדול מרדכי בבית
המלך ושמעו הולך בכל־המדינות כי־האיש מרדכי הולך וגדול: ה ויכו היהודים
בכל־איביהם מכת־חרב והרג ואבדן ויעשו בשנאיהם כרצונם: ו ובשושן הבירה
הרגו היהודים ואבד חמש מאות *איש: ז ואת | פרשנדתא ואת | דלפון ואת |
אספתא: ח ואת | פורתא ואת | אדליא ואת | ארידתא: ט ואת | פרמשתא ואת |
אריסי ואת | ארידי ואת | ויזתא: י עשרת בני המן בן־המדתא צרר היהודים הרגו
ובבזה לא שלחו את־ידם: יא ביום ההוא בא מספר ההרוגים בשושן הבירה לפני
המלך: יב ויאמר המלך לאסתר המלכה בשושן הבירה הרגו היהודים ואבד חמש

תו"א אתת פרשנדתא מגלה טז: ויזתא. שם: עשרת בני המן. שם: ובבזה לא. שם: ויאמר המלך לאסתר המלכה. שם: *נ"א בל' עמ"ש.
*איש בראש הדף ואת בסופו וצריך לכותבם כעין שירת האזינו ובדף אחד לבדו: *ת' זעירא *ש"ן זעירא *ו' אריכ' וז' זעירא

## רש"י

(ג) ועשי המלאכה. אותם שהיו ממונים ק לעשות לרכי המלך: (י) עשרת בני המן. ראיתי בסדר עולם אלו י' שכתבו שטנה על יהודה וירושלי' כמש"כ בספר עזרא (עזרא ד) ובמלכות אחשורוש בתחלת מלכותו כתבו שטנה על יושבי יהודה וירושלים. ומה היא השטנה לבטל העולים מן הגולה בימי כורש שהתחילו לבנות את הבית והלשינו עליהם הכותי' והחדילום וכשמת כורש ומלך אחשורוש והתגאה המן דאג שלא יעסקו אותן שבירושלים בבנין ושלחו בשם אחשורוש לשרי עבר הנהר לבטלן: ובבזה לא שלחו את ידם.

## שפתי חכמים

ק דק"ל וכי עושי מלאכה לבד הם למלך שכתב ועושי המלאכה אשר למלך והלא כל העכו"ם כולם הם למלך. לכ"פ אותם שהם ממונים לעשות לרכי המלך כלומר אשר למלך שב על המלאכה לא על עושי

## פירוש ע"ט

(א) ובשנים עשר חודש אונ דרייצען טאג אין אדר דעם טאג ווס דעם קיניגס בפעל זאל בשטעטיג ווערן ביום דעם טאג ווס די פיינד פון די יודן האבן גהאפט צו גוועלטיגן אן זיי ונהפוך איז פר קערט גווארן אשר אז די יודן האבן גוועלטיגט אן די פיינד: (ב) נקהלו אלע יודן האבן איין גזאמילט זיך אין אלע שטעט פון דעם מלך אחשורוש לשלוח יד זיי זאלן שטרעקן די הענט אן די ווס ווילן זייא שלעכטס טון ואיש קיין מענטש הט זיך אבר ניט גשטעלט קענן זיי כי נפל ווארום זייער פארכט איז גפאלן אוף אלי פעלקר: (ג) וכל שרי אלי הערן אונ אלי פירשטן אונ גראפן אונ דיא ווערקס לייט פון דעם מלך מנשאים האבן יודן זייער חשוב גהאלטין כי ווארום די פארכט פון מרדכי איז אוף זיי גפאלן: (ד) כי גדול אונ מרדכי איז זייער גרוס גוועזין אין הוף פון מלך ושמעו אונ זיין שם איז גגאנגן אין אלע מדינות כי ווארן מרדכי איז אלע מאל גרעסר גווארן: (ה) ויכו אונ די יהודים האבן דיא פיינד דר שלאגין מיט שווערד אונ מיט אלע בליידיגונג ויעשו אונ האבן גטאן זייער ווילן אן די פיינד: (ו) ובשושן אין שושן האבן זיי גהרגת פינף הונדרט מאן אונ דיא צעהן קינדר פון המן דעם שונא פון די יודן האבן זייא אוך גהרגת ובבזה אונ אן דעם רוב האבען זייא גיט גשטרעקט דיא הענט: (יא) ביום ההוא דעם זעלבינן טאג הט מען דעם מלך גגעבין דיא צאל פון די דר שלאגנע גוים פון שושן: (יב) ויאמר זאגט דער מלך צו אסתר אין שושן האבן דיא יודן גהארגת פונף הונדערט מאן ואת עשרת אונ דיא צעהן קינדר פון המן בשאר וואס האט ריען נאך גטאן אין דיא

## קול יעקב

דיר אז דוא זאלסט אליין אן טרייבן דיא פערד וויא אפראסטע מענטש פאלג מיך וועל איך דיר איין עצה געבן איך דארף גיין אין דעם דארף געבן דיין שטאט נעם מיך ארוף אוף דעם וואגן דר פר וואס איך וועל פארן וועל איך דיר אן טרייבן דיא פערד איז דיא זאך דעם גנב געפעלן נאר דער גנב האט מיט אים אום גנומען איין תנאי ער זאל גשווינד לופין מיט די פערד דר משרת האט זיך אוף געזעצט אוף דיא פערד אונ איז מיט זייא גשווינד גלאפן אזו וויא דער גנב האט גוואלט זייא זענין אוף דעם וועג גקומן אוף איין נאכט לעגיר אונ האבען גנעכטיגט האט דער משרת אום גדרייט דעם וואגן צו דעם טויער וויא זייא זענן אן גקומן פון דארט אונ אין דר פריא האט ער איין גשפאנט דיא פערד אונ איז אוועק גפארן גשווינד אין דעם וועג וואס ער איז פון דארט אן גקומען אז זיי זענן שון גאנץ ווייט אוועק גפארין האבן זיי זיך ביידי גפרייד דר גנב האט זיך גפרייד ער האט גמיינט ער איז שון נאהונט צו זיין שטאט אונ איז שוין ווייט פון זייני נאך יאגערס וואס זוכען דיא גניבה ווארום ווייל זייא זענן גינך גפארן האט ער ניט גקענט וויסען וויא אהין ער פארט אונ דר משרת הט זיך גפרייט ווייל ער וועט שון באלד קומן צו דעם עושר אין שטאט אריין אונ וועט דעם גנב מיט דר גניבה איבר געבן דעם עושר אין דיא הענד אריין נאר דער היפך פון דעם גנבס מחשבה אז זייא זענין שוין אריין גקומן אין שטאט אריין זאגט דר משרת צו דעם גנב אצונד האבן מיר שון וואס מיר האבין בגערט דער גנב האט גמיינט אז ער איז שון ניצול גיווארן מיט דער גניבה פון דעם עושר אונ עס איז נאר גוועזן פר קערט ער איז גקומן צו דעם עושר אין דיא הענד אריין.

באת איש ואת עשרת בני־המן בשאר מדינות המלך מה עשו ומה־שאלתך וינתן
לך ומה־בקשתך עוד ותעש: יג ותאמר אסתר אם־על־המלך טוב ינתן גם־מחר
ליהודים אשר בשושן לעשות כדת היום ואת עשרת בני־המן יתלו על־העץ:
יד ויאמר המלך להעשות כן ותנתן דת בשושן ואת עשרת בני־המן תלו: טו ויקהלו
היהודיים יתיר י׳ אשר־בשושן גם ביום ארבעה עשר לחדש אדר ויהרגו בשושן
שלש מאות איש ובבזה לא שלחו את־ידם: טז ושאר היהודים אשר במדינות
המלך נקהלו | ועמד על־נפשם ונוח מאיביהם והרוג בשנאיהם חמשה ושבעים אלף
ובבזה לא שלחו את־ידם: יז ביום־שלושה עשר לחדש אדר ונוח בארבעה עשר
בו ועשה אתו יום משתה ושמחה: יח והיהודיים יתיר י׳ אשר־בשושן נקהלו בשלושה
עשר בו ובארבעה עשר בו ונוח בחמשה עשר בו ועשה אתו יום משתה ושמחה:
יט על־כן היהודים הפרוזים הפרזים קרי הישבים בערי הפרזות עשים את יום ארבעת
עשר לחדש אדר שמחה ומשתה ויום טוב ומשלח מנות איש לרעהו: כ ויכתב
מרדכי את־הדברים האלה וישלח ספרים אל־כל־היהודים אשר בכל־מדינות המלך

תו"א יום משפט ושמחה. פסחים סח: על כן היהודים הפרזים. מגילה ב יט: שמחה ומשתה ויום טוב. מגילה ה: ומשלח מנות איש לרעהו. מגילה ז ב

## שפתי חכמים

שמלאכה: ר פי׳ מדקאמר פרזים בי"ד ש"מ מוקפין אינם בי"ד ומדלא רמז לך הכתוב אימת הוא ואבכן שושן שעשו בט"ו מסתברא שאותו היום שייך למוקפים וזהו שאמר כשושן וכדי שלא תבין שמה שכתב

## רש"י

שלא יתן המלך עין צרה בממון: (יג) ואת עשרת בני המן יתלו על העץ. אותן שנהרגו: (יד) ותנתן דת. נגזר הוק מאת המלך: (יט) הפרזים. שאינם יושבים

בערי הומה בארבעה עשר ומוקפין חומ׳ בט"ו כשושן והיקף ר זה צריך שיהיה מימות יהושע בן נון כך דרשו ולמדו רבותינו: ומשלח. שם דבר כמו משמר משמע לפיכך הסי"ן נקודה רפי: (כ) ויכתב מרדכי. היא המגילה הזאת

## קול יעקב

דאס זעלביגע איז געוועז מיט המן הרשע ער האט אלץ געטראכט תחבולות אויף דעם צדיק מרדכי ער זאל אים שלעכץ טאן אונ האט זיך איין עצה געהאלטן מיט זייני פריינד אונ מיט זיין ווייב זרש ער זאל מאכן פון מרדכי וועגן איין תלויה זאל זיין הויך פופציג איילן ווארום ער האט זיך געטראכט כל זמן עס וועט ניט זיין איין פארטיגע תלויה אפילו דער מלך וועט מסכים זיין פען זאל מרדכי הענגן איידער מען וועט מאכן די תלויה וועט דער מלך דער ווייל חרטה האבן דרום האט ער אן געבריים איין פארטיגע תלויה אז וויא באלד דער מלך וועט מסכים זיין צוא הענגן וועט שון זיין אפארטיגע תלויה אונ המן דר רשע האט ניט געוואוסט אז ער האט אן געברייט די תלויה פון זיינעט וועגין ווארום ווען דיא תלויה זאל ניט געוועז זיין פארטיג אפילו דער מלך האט געהייסען המנין הענגין איידער מען וועט מאכן דיא תלויה וואלט דער מלך גקענט דער וויל חרטה האבן אבר אז ויא איז געוועז פארטיג הם מען המנין תיכף געהאנגן אונ מיט דר עצה ווס ער האט געטראכט אויף מרדכי איז די אייגני שלעכטי עצה אים געטאן געווארן אונ צו די יודן מיט מרדכי איז געוועזן איין פרייד פונקט וויא דער גנב האט זיך איין עצה געהאלטן ער זאל מיט די פערד געך לופן וועט ער ניצול ווערן צום סוף איז ער מיט דעם לופין געך אן געקומין מיט דער גניבה דעם עושר אין דיא הענד אריין:

## פירוש ע"ט

איבריגע לענדר פון דעם מלך ומה ווס איז דיין פר לאנגן וועט מען דיר געבן ומה בקשתך אונ ווס איז נאך דיין בגער וועט געטאן ווערן גלייך: (יג) ותאמר אוב עס געפעלט דעם מלך ינתן מען זאל מארגין אויך ערלויבין די יודן פון שושן צוא דר שלאגן דיא פעלקר אזו ווי היינט ואת עשרת בני המן אונ די צעהן קינדר פון המן זאלן געהאנגן ווערן אויף דר תלויה: (יד) ויאמר הט דר מלך בפולן מען זאל אזו טוען ותנתן איז דם בפעל ארוס גגאנגן אין שושן מען זאל דעם אנדערן טאג די גוים הרגנן ואת עשרת אונ די צעהן קינדר פון המן האט מען געהאנגן אויף דר תלויה: (טו) ויקהלו האבן זיך איין גיזאמלט די יודן פון שושן דעם פירצטין טאג אין אדר ויהרגו אונ האבין אין שושן געהרגת דריי הונדרט מאן ובבזה אונ קיין רוב האבן זיי ניט גנומען: (טז) ושאר אונ די איבריגי יודן פון אלע לענדר פון דעם מלך נקהלו האבין זיך איין גזאמעלט אונ האבין זיך אקעגין געשטעלט ונוח אונ האבן גרועט פון די פיינד והרוג אונ האבן דר שלאגן דיא פיינד פינף אונ זיבציג טויזנט ובבזה אונ קיין רוב האבען זייא ניט גנומען: (יז) ביום שלשה עשר דעם דרייצנטן טאג אין חודש אדר האבן זיי געשלאגן די פיינד ונח אונ האבען גרועט דעם פירצטין טאג אונ האבען זיך גימאכט דעם טאג איין סעודה אונ אפרייד: (יח) והיהודים אונ דיא יודן אין שושן האבן זיך איין גזאמעלט צוא דער מלחמה דען דרייצענטן אונ דעם פירצענטן טאג אונ האבען גרועט דעם פופצענטען טאג ועשה אונ האבען אים גימאכט איין ליסטיג אונ פריילבן טאג: (יט) על כן איבער דעם די יודן ווס זיצן אין אופני שטעט עושים מאכן דעם פירצנטן טאג פון אדר איין סעודה אונ פריילכן אונ איין גוטען טאג ומשלוח מנות אונ שיקען מתנות איינר צום אנדרין: (כ) ויכתב הט מרדכי דיא אלע זאכן אויף געשריבן וישלח אונ האט געשיקט בריף אל כל צוא אלע יודן וואס זענין געוועזן אין דיא לענדר

אחשורוש הקרובים והרחוקים: כא לקים עליהם להיות עשים את יום ארבעה עשר
לחדש אדר ואת יום־חמשה עשר בו בכל־שנה ושנה: כב כימים אשר־נחו בהם
היהודים מאיביהם והחדש אשר נהפך להם מיגון לשמחה ומאבל ליום טוב לעשות
אותם ימי משתה ושמחה ומשלח מנות איש לרעהו ומתנות לאבינים: כג וקבל
היהודים את אשר־החלו לעשות ואת אשר־כתב מרדכי אליהם: כד כי המן בן־
המדתא האגגי צרר כל־היהודים חשב על־היהודים לאבדם והפל פור הוא הגורל
להמם ולאבדם: כה ובבאה לפני המלך אמר עם־הספר ישוב מחשבתו הרעה
אשר־חשב על־היהודים על־ראשו ותלו אתו ואת־בניו על־העץ: כו על־כן קראו
לימים האלה פורים על־שם הפור על־כן על־כל־דברי האגרת הזאת ומה־ראו על־
ככה ומה הגיע אליהם: כז קימו וקבל וקבלו קרי היהודים עליהם | ועל־זרעם ועל
כל־הנלוים עליהם ולא יעבור להיות עשים את־שני הימים האלה ככתבם וכזמנם
בכל־שנה ושנה: כח והימים האלה נזכרים ונעשים בכל־דור ודור משפחה ומשפחה
מדינה ומדינה ועיר ועיר וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא־

**תו"א** לקיום עשים את יום ארבעה עשר. מגילה ב. כימים אשר נחו בהם היהודים. שם: לעשות אותם ימי משתה ושמחה. שם דף ה: וקבל היהודים. זוהר פ' כי תשא: ותלו אותו ואת בניו על העץ. מגילה יט: ומה ראו על ככה ומה הגיע. שם: קימו וקבלו היהודים. שבת פח מגילה ז מכות כג שבועות לט: ולא יעבור. מגילה ב': להיות עשים את שני הימים האלה. שם יז: בכל שנה ושנה. שם דף ד ודף ז: והימים האלה. מגילה יח יט כז משפחה ומשפחה מדינה ומדינה ועיר ועיר. שם ב ג: וימי הפורים האלה לא יעברו. שם ז: וזכרם לא יסוף מזרעם. עקידה שער סט

## רש"י

כמות שהיה: (כד) כי המן בן המדתא. חשב להומם ולאבדם: (כה) ובבאה. אסתר אל המלך להתחנן לו: אמר עם הספר. אמר המלך בפיו וציוה לכתוב ספרים שישוב מחשבתו הרעה בראשו: (כו) על כן על כל דברי האגרת הזאת. נקבעו הימים האלה ולכך נכתבה לדעת דורות הבאים: ומה ראו. עושי המעשים האלה שעשאום: ומה הגיע אליהם. מה ראה אחשורוש שנשתמש בכלי הקודש ומה הגיע אליהם שבא שטן ורקד ביניהם והרג את ושתי. מה ראה המן שנתקנא במרדכי ומה הגיע אליו שתלו אותו ואת בניו. מה ראה מרדכי שלא יכרע ולא ישתחוה ומה ראתה אסתר שזימנה להמן: (כז) הנלוים עליהם. גרים העתידים להתגייר: ככתבם. שתהא המגילה כתובה כתב אשורית: (כח) נזכרים. בקריאת המגילה: ונעשים. משתה ושמחה ויום טוב לתת מנות ומתנות: משפחה ומשפחה. מתאספין יחד ואוכלים ושותי' יחד וכך קבלו עליהם שימי הפורים לא יעברו: וזכרם. קריאת מגילה: לא יסוף. תרגום של ש יתום דמתרגם עד תום עד דסף וא"א לומר להיות מגזרת (בראשית יט טו) פן תספה ומגזרת (שמואל א כז א) עתה אספה יום אחד שאם כן היה לו לכתוב לא יספה מזרעם:

## שפתי חכמים

כשושן קאי ג"כ אמוקפין חומה דסייט שיהיו מוקפין חומה מימות אחשורוש כשושן לכ"פ והיקף זה צריך שיהיה מימות יהושע בן נון כך דרשו ולמדו רז"ל בג"ם בפ"ק דמגילה ע"ש: ש וקשה הרי תרגום לא ישתלי וטעות הוא ברש"י וה"ג לא יסוף תרגום עד תום עד דסף ודברי רש"י הוא שמפרש לא יסוף לא יתום וכ"ה בספרים מדוייקים ויותר נראה לגרוס לא יסוף לא יתום דמתרגם עד תום עד דסף:

## פירוש ע"ט

פון דעם מלך אחשורוש הקרובים צו די ווייטע אונ צו די נאהנטי: (כא) לקיים זיי זאלן אוף זיך נעמן זייא זאלין מאכין אלע יאר דעם פירצענטין אונ דעם פופצענטן טאג אין אדר איין יום טוב: (כב) כימים די טעג ווען די יודן האבן גריעט פון זייער פיינד החודש אונ דר חודש וואס איז פר קערט געווארן צו דיא יודין פון טרויריגקייט צוא פרייד ומאבל אונ פון טרויער צו איין גוטן טאג לעשות מען זאל מאכן דיא טעג סעודות אונ פרייד ומשלוח מנות איינער דעם אנדרן זאל שיקן מתנות ומתנות אונ צדקה צו ארמי לייט: (כג) וקבל די יודן האבן אוף זיך גנומן אלע יאר צו מאכן פורים אזו וויא זיי האבן אן גהובן דאס ערשטי יאר ואת אשר כתב אזו ווי מרדכי הט צו זייא גשריבן האבן זיי גפאלגט: (כד) כי ווארן המן דער פיינד פון די יודן הט גוואלט אלע יודן מאכין פר לירן והפיל אונ הט גורל גווארפן צו פאר לירן דיא יודן: (כה) ובבואה אז אסתר איז גקומן בעטן דעם מלך פר די יודן אמר הט דר מלך בפולן מען זאל שיקן בריף ישוב מען זאל זיינע בייזע מחשבות פון המן וואס ער הט גדאכט אוף די יהודים אוף זיין קאפ אום לאזין ותלו מען זאל אים מיט זיינע קינדער הענגן אוף דר תלויה: (כו) על כן איבר דעם האט מען גרופן דיא דאזיגע טעג פורים על שם הפור וייל המן הט גורל גווארפען אוף די טעג אונ פור הייסט גורל על כל אזו ווי דא איז גדאכט אין דר מגילת ומה אונ וואס הט המן גזעהן פר וואס ער הט גוואלט די יודן אום ברענגן ווייל מרדכי הט זיך ניט גוואלט בוקין צו אים ומה אונ וואס איז זייער סוף געווען אז מען הט זיי גהאנגין: (כז) קימו די יודן האבן אוף זיך אונ אוף זייער קינדר גנומן ועל אונ אוף אלע וואס וועלן זיך מגייר זיין להיות זיי זאלן מאכן פורים אלע יאר די צוויי טאג אזו ווי גשריבן שטייט אונ אין דער צייט: (כח) והימים אונ די דאזיגע טעג זאלן ווערן גדענקט אונ גטאן וואס מען בדארף צו טוען בכל דור אויף אלע דורות משפחה אונ ביי אלע משפחות מדינה אונ אלע לענדער עיר אונ אלע


שטטם

יסוף מזרעם: ס כט ותכתב אסתר המלכה בת־אביחיל ומרדכי היהודי את־כל־תקף
לקים את אגרת הפרים הזאת השנית: ל וישלח ספרים אל־כל־היהודים אל־
שבע ועשרים ומאה מדינה מלכות אחשורוש דברי שלום ואמת: לא לקים את־ימי
הפרים האלה בזמניהם כאשר קים עליהם מרדכי היהודי ואסתר המלכה וכאשר
קימו על־נפשם ועל־זרעם דברי הצומות וזעקתם: לב ומאמר אסתר קים דברי
הפרים האלה ונכתב בספר: ס י א וישם המלך אחשרש אחשורוש קרי מס על־הארץ
ואיי הים: ב וכל־מעשה תקפו וגבורתו ופרשת גדלת מרדכי אשר גדלו המלך
הלוא־הם כתובים על־ספר דברי הימים למלכי מדי ופרס: ג כי מרדכי היהודי
משנה למלך אחשורוש וגדול ליהודים ורצוי לרב אחיו דרש טוב לעמו ודבר
שלום לכל־זרעו: חזק

*ת' רבתי

**תו"א** ותכתב אסתר המלכה וגו' ומרדכי. שם יט: לקיים את אגרת הפורים הזאת השנית. מגילה ז: דברי שלום ואמת. שם טז: ומאמר אסתר קיים. שם: וישם המלך אחשורוש מס על הארץ. מגילה יא חגיגה ח: על ספר דברי הימים למלכי מדי ופרס. מגילה ז ודף יב: מרדכי היהודי. מגילה ט:

סכום פסוקי מגלת אסתר מאה וששים ושבעה וסימן על כן קראו לימים האלה פורים:
וסדריו חמשה וסימן נב המזבח ופרקיו עשרה וסימן בא גד והגיו ותען אסתר ותאמר:

נשלם מגלת אסתר בעזרת האל יתברך

## שפתי חכמים

ת דקשה ליה את תוקף מבעי ליה מאי כל תוקף אלא תוקפו של כולם:

חסלת מגלת אסתר

## רש"י

(כט) את כל תקף. תוקפו של נס של אחשורוש ושל המן ושל מרדכי ושל אסתר: השנית. לשנה השנייה חזרו ושלחו ספרים שיעשו פורים: (לב) ומאמר אסתר קים וגו'. אסתר בקשה מאת חכמי הדור לקבעה ולכתוב ספר זה עם שאר הכתובים וזהו ונכתב בספר: (ג) לרוב אחיו. ולא לכל אחיו מלמד שפירשו ממנו מקצת סנהדרין לפי שנעשה קרוב למלכות והיה בטל מתלמודו: לכל זרעו. מוסב על עמו לכל זרע עמו: חסלת מגלת אסתר

## פירויש ע"ט

שטעט וימי אין די טעג פון פורים זאלן ניט בטל ווערן פון יודן וזכרם אונ זייער גדעכניש זאל זיך ניט אום לאזן פון זייערע קינדר: (כט) ותכתוב הט אסתר גשריבן דם שטארקייט לקיים מען זאל דם אנדרע יאר אויך האלטן פורים: (ל) וישלח אונ הט גשיקט בריב צו די הונדרט אונ זיבן אונ צוואנציג לענדר מלכות דם קיניגרייך פון אחשורוש דברי בריב מיט פריד אונ ווארהפטיגע רייד: (לא) לקיים צו האלטן די טעג פון פורים אין דר צייט כאשר אזו ווי מרדכי אונ אסתר האבן אויף זיך גנומן צו האלטן וכאשר אזו ווי זיי האבן אויף זיך גנומן די טעג פון פאסטן אונ פון תפלות: (לב) ומאמר אונ די רייד פון אסתר איז בשטעטיגט גווארן די טעג פון פורים ונכתב אונ מען הט איין גשריבן אין דיא ביכר: (א) וישם אונ דער מלך אחשורוש הט גווארפן צונש אויף אלע לענדר אונ אויף די אינזלן פון ים: (ב) וכל אונ דם שטארקייט אונ די מאכט ופרשת אונ דם גרוסקייט פון מרדכי ווי דר מלך הט אים דר הובן הלא דם שטייט גשריבן אין די קרוניקוס פון מדי ופרס: (ג) כי וואר מרדכי איז גוועזן דר אנדרר פון דעם מלך וגדול אונ איז חשוב גוועזן בייא אלע יהודים רצוי אונ אן גנומן גוועזן ביידי מייסטן ברודר דורש ער הט גפארשט נאר גוטס אויף זיין פאלק דיא יודן ודובר שלום לכל זרעו אונ הט גרעט גוטע רייד צו זיינע קינדר:

הברכה אחר קריאת המגילה. אשר הניא וכו'.
ושושנת יעקב תמצא אחר תרגום שני בדף רל"ג ע"ב:

# נשלם מגלת אסתר בעזרת האל יתברך

אשר יש בו נגלה ונסתר. ולפי כי ראה ראיתי ביאור פתשגן הכתב הכי נכבד הוא דבר הפיה לכל נפש להיות שלשון התרגום שני קשה ההבנה למי שלא הורגל בו. והמחבר פתשגן הכתב העתיקהו על צחות לשון עברי אשר כמעט הדבר א"ל לפסים לזאת הדפסנוהו כעת להיות מתוק ומקובל לגלון איש ואיש:

(א) והוה ביומי אחשורוש הוא אחשורוש חד מן עסר מלכין די מלכו ועתידין בעלמא ואלין אינון עסר מלכין מלכותא קדמיתא דמלך מלכיא יי צבאות דבעגלא תתגדל מלכותיה עלן. תניינא דנמרוד. תליתאה דפרעה מלכא דמצרים. רביעאה דישראל. חמישתא דנבוכדנצר מלכא דבבל. שתיתאה דאחשורוש. שביעאה דיון. תמינאה דרומי. תשיעאה דבן דוד משיחא. עשיריתא דמלך מלכיא יי צבאות דבעגלא תתגלי מלכותיה עלן ועל כל דיירי ארעא. כד מטת מלכות בבל למובדא מן ארעא ושולטניה יעדון מניה לא הוו ידעין אנשי מדינתא מן ישוון עליהון למלכא וכד מית נבוכדנצר מלכא דבבל קם אויל מרודך בריה בתריה ולא הוו צבין אנשי מדינתיה למוקמיה עליהון כרם מתיבין ואמרין ליה נבוכדנצר אבוך לא הוה מדוריה עם אנשא ואיך מוקמין אנחנא יתך מלכא עלינן כבר מתפני אבוך נבוכדנצר ואתי עלנא וקטיל יתן וכד שמע אויל מרודך ית פתגמי הדין דאנשי מדינתיה אמרין ליה. מתיב ואמר להון נבוכדנצר אבא מית וטריד מן עלמא ועד כען לית אתון מהימנין. מתיבין ואמרין ליה נבוכדנצר אבוך ארגיז ית ארעא כולה וית מלכיא כולהון דעלוי מפרש כתבא הזה האיש מרגיז הארץ מרעיש ממלכות. מה עבד אויל מרודך בההיא שעתא על לבי גנזי מלכא ואפיק מתמן שלשלן דפרזל ודנחש ורמא בעיקבוי דנבוכדנצר אבוי וגגד ואפיק יתיה מקבריה דהיכדין מפרש עלוהי כתבא ואתה השלכת מקברך כנצר נתעב. וכד חזו אנשי מדינתא דעבד אויל מרודך רעות אבוי דבשמיא קמו כולהון בחדוה רבה ואלבישו ית אויל מרודך ארגונא טבא דמלכותא ויהבו ליה יקר סגיא ורבו יתירא. מתיב דניאל גברא דתחמדתא

## פתשגן הכתב

(א) ויהי בימי אחשורוש הוא אחשורוש אחד מעשרה המלכים אשר מלכו ואשר היו עתידים למלוך בעולם ואלו הם העשר מלכים. המלכות הראשונ' למלך מלכי המלכים י"י צבאות במהרה התגדל מלכותו עלינו. המלכות השנית לנמרוד. השלישית לפרעה מלך מצרים. הרביעית לישראל. החמישית לנבוכדנצר מלך בבל. הששית לאחשורוש. השביעית ליון. והשמינית לרומי. התשיעית למשיח בן דוד. העשירית למלך מלכי המלכים ה' צבאות שבמהרה תגלה מלכותו עלינו ועל כל יושבי הארץ. כאשר הגיע מלכות בבל להאבד מן העולם וממשלתו לסור ממנו לא היו יודעים אנשי מדינתו מי ישימו עליהם מלך. וכמות נבוכדנצר מלך בבל קם אויל מרודך בנו תחתיו ולא היו חפצים אנשי מדינתו להקימו עליהם למלך. ענו ואמרו לו הלא נבוכדנצר אביך לא היה גר עם האנשים ואיככה מקימים אנחנו אותך מלך עלינו. כבר פנה נבוכדנצר אביך ויבא עלינו ויהרג אותנו. וכשמוע אויל מרודך את הדברים האלה אשר אנשי מדינתו דוברים אליו ענה ואמר אליהם. נבוכדנצר אבי מת ועבר מן העולם ועד עתה אינכם מאמינים. ענו ואמרו לו נבוכדנצר אביך הרגיז את כל הארץ ואת כל הממלכות אשר עליו הכתוב מפרש הזה האיש מרגיז הארץ מרעיש ממלכות. מה עשה אויל מרודך בעת ההיא בא אל גנזי המלך ויוציא משם כבלי ברזל ונחשת וישלך אותם בעקבות נבוכדנצר אביו וימשכהו ויעלהו מקברו כאשר מפרש הכתוב עליו ואתה השלכת מקברך כנצר נתעב. וכראות אנשי המדינה שעשה אויל מרודך רצון אביו שבשמים קמו כולם בשמחה רבה וילבישו את אויל מרודך לבוש מלכות תכלת וארגמן ונתנו לו יקר וגדולה וכבוד במאוד מאד. ענה דניאל איש חמודות ואמר אל אויל מרודך. הנה

## מצח אהרן

(א) (ויהי בימי אחשורוש). אונ עס וואר אין די טעג פון אחשורוש ער איז דר אחשורוש וואס הט גקיניגט פון אנדיא ביז מארין לאנד הונדערט אונ זיבן אונ צוואנציג לענדר (הוא אחשורוש) ער איז דר אחשורוש איינר פון די צעהן קיניגן די וואס האבן גקיניגט איבר די גאנצי וועלט. אונ ווערן נאך קיניגן אונ דאס זענין זייא. דער ערשטר קיניג איז דער מלך מלכי המלכים הקב"ה עס זאל זיך באלד גרייסן זיין מלכות איבר אונז. דר אנדערר איז נמרוד. דר דריטר איז פרעה מלך מצרים. דר פערטר איז שלמה המלך. דער פינפטער איז נבוכדנצר מלך בבל. דער זעקסטער איז אחשורוש. דר זיבטער איז אלכסנדר מלך יון דר אכטר דר מלך רום. דר נייגטר דר מלך המשיח דר צעהנטר איז ווידר דר מלך מלכי המלכים הקב"ה עס זאל באלד גיגרייסט ווערין זיין מלכות איבר אונז אונ איבר אלע איינוואונר דר ערדין:

(ויהי בימי אחשורוש) דא עס וואר אין די טעג פון אחשורוש וואס איז דארטן פר איין צרה גוועזין. ער הט גהייסן מען זאל אלע דיא יהודים פאר טיליגן אונ דר שלאגן אונ מאכן פר לירן. למשל איין מלך איז גגאנגען אין גארטען האבן זיך צו אים בהעפט דריי שונאים די האבן גוואלט דעם גארטן פאר דארבן. איינר הט אפ גפליקט דיא קניפבער פון וויין שטאק. איינר הט גריסען די הענגיל. אונ איינר הט דעם וויין שטאק נאר גוואלט אוס רייסען. אזוי אויך דער רשע פרעה האט די קליינע קינדר גילאזט אין וואסער ווארפין. דר רשע נבוכדנצר הט די ישראל אוס גירסען אוס ארץ ישראל אונ הט פיל פון זיי דר שלאגן. אונ דר המן הרשע האט זיי גוואלט אוס רייסען מיטן ווארציל וויא דיא ישראל האבן דאס גזעהן האבן זיי וויי גשריגען. דס אחשורוש זאל איין מלך זיין:

(הוא אחשורוש) אויף פינף שטייט גשריבען (הוא) די ווערן גרופן רשעים פון אנפאנג ביז צום לעצטן. אונ ווידר אויף פינף שטייט גשריבן (הוא) דיא זענן גוועזין צדיקים פון אנפאנג ביז צום לעצטן אונ דאס זענין זייא. אברהם. משה. אהרן. חזקיה. עזרא. אברהם הט השי"ת דער קענט ווי ער איז דריי יאר אלט גוועזן. אונ צום לעצטען שטייט גשריבן אויף אים (כי ידעתיו) דס איז טייטש גאט האט גזאגט איך האב אים ליב וויל ער וועט גביטן צו זיינע קינדער דס זייא זאלין היטען סיינע וועגען. אונ בייא משה ואהרן שטייט אויך (הוא) דיא צווייא צדיקים ווארען גלייך מיט פרומקייט זיי האבן קיין עבירה מער ניט גטאן נייערט צום סלע האבין זייא גדארפט ריידן דאס ער זאל וואסער געבן אונ זיי האבן אים גשלאגן. דרום האבן זייא ניט גקענט קומן קיין ארץ ישראל אונ זענן אין דער מדבר גשטארבען. השי"ו איז מדקדק מיט די צדיקים אויף איין קליינע זאך. אונ בייא חזקיה אונ עזרא שטייט אויך (הוא) דיא ווארען אויך צדיקים. דיא חכמים זאגן נאך איין (הוא) האבען מיר דאס איז בעסר וויא אלע מיט אנדער. עס שטייט (יי הוא האלהים) דאס איז טייטש ער איז גאט אונזר גאט זיינע ווערק זענן אייטל דר בארימקייט אויף אייבג. אונ דס זענן די

פינף

ואמר ליה לאויל מרודך הא כל יומוי דנבוכדנצר אבוך לא נפק אסירא מן ביתיה לעלם דהיכדין כתבא מפרש עליה אסיריו לא פתח ביתה . וכד אתחייבו סנאיהון דיהודאי אתגבר וסליק עליהון נבוכדנצר אבוך ואחריב ית ארעא דישראל ובזז ית קרתא דירושלם ואוקיד ית בית מקדשא בנורא ואגלי ית עמא דישראל ואייתי יתהון לבבל ואגלי עמהון ית יהויכין מלכא דבית יהודה ואסר יתיה בבית אסירי תלתין ושבע שנין מן קדם דלא שם עלוי רעות אבוי דבשמיא ואף נבוכדנצר אתגבר בלבביה ואמר לית מלך ושליט אלא אנא דהכי מפרש כתבא עלוהי אעלה על במתי עב אדמה לעליון . בהא שעתא עבד אויל מרודך רעות אבוי דבשמיא ועל לבית אסירי ואפיק מתמן ית יהויכין בר יהויקים מלך שבטיא דבית יהודה ונפקו עמיה כל אסיריא מה עבד אויל מרודך בההיא שעתא על לבי גנזי מלכא ואפיק מתמן כל משחנין טבן וכל מיני בוסמין ואסחי יתיה ומשח יתיה ואלביש יתיה לבושא דמלכותא ואכל לחם תדירא קדמוהי כל יומי חיוהי . ודריוש מדאה קביל מלכותא . הוא אחשורוש מלכא פרסאה בר דריוש מלכא מדאה . הוא אחשורוש דאמר למייתי חמרא מן מאה ועסרין ושבע מדינן למאה ועסרין ושבע מלכין דגניין קדמוהי דישתי כל גבר וגבר מן חמר מדינתיה דלא יתנזק . הוא אחשורוש מלכא מצוותא הוא אחשורוש מלכא טפשא דאמר תבטל מלכותי ולא תבטל גזירתי . הוא אחשורוש דמתקלקלן עצתיה ולא תקנן גזירתיה . הוא אחשורוש דאמר לאעלא ית ושתי מלכתא ערטילתא קדמוהי ולא עלתה . הוא אחשורוש דביומוהי אזדבנו דבית ישראל מגן בלא כסף כדכתיב חנם נמכרתם . הוא אחשורוש דאשתחרו ביומוהי אפוהי דבית ישראל כשולי קדירא . הוא אחשורוש דאמר למיתי ארזי מן לבנון ודהב מאופיר ולא מייתי . הוא אחשורוש דביומוי אתקיים על דבית ישראל מה דכתיב בספר אורייתא דמשה בבקר תאמר מי יתן ערב . הוא אחשורוש חמשא כתיב בהון הוא ואתקריין רשיען . וחמשא כתיב בהון הוא ואתקריין צדיקיא . אברם הוא אברהם . הוא משה ואהרן . הוא אהרן ומשה . הוא חזקיהו . הוא עזרא . אלין חמשא צדיקין . וחמשא רשיען קדמאה נמרוד דכתיב ביה הוא היה גבור ציד . הוא עשו אבי אדום . הוא דתן ואבירם . הוא המלך אחז . הוא אחשורוש . ועל דאמר ולא עבד אתקצרו יומוי ברם מלך מהודו ועד כוש דמדינחא ועד מערבא על מאה ועסרין ושבע מדינן . הוא אחשורוש דקטל אתתיה מטול רחמוי . הוא אחשורוש דקטל רחמוי המן מטול

## פתשגן הכתב

כל ימי נבוכדנצר אביך לא הוציא אסיריו ביתה כאשר מפרש עליו הכתוב אסיריו לא פתח ביתה וכאשר נתחייבו שונאיהם של ישראל התגבר ויעל עליהם נבוכדנצר אביך והחריב את ארץ ישראל ויבז את ירושלים עיר הקדש וישרוף את בית המקדש באש ויגל את בני ישראל מהלם ויבא ה' תם לבבל. ויגל עמהם את יהויכין מלך יהודה ויאסור אותו בבית האסירים שבע ושלשים שנה על אשר לא שם אל לבו לעשות רצון אביו שבשמים . וגם נבוכדנצר התפאר בלבבו ואמר אין מלך ושליט כי אם אני כאשר מפרש עליו הכתוב אעלה על במתי עב אדמה לעליון ובעת ההיא עשה אויל מרודך רצון אביו שבשמים ויבוא אל בית האסורים ויוציא משם את יהויכין מלך יהודה ויצאו עמו כל האסורים כולם . מה עשה אויל מרודך בעת ההיא בא עוד אל גנזי המלך ויוציא משם כל מיני שמן המשחה הטובים וכל מיני בשמים וירחץ אותו וימשח אותו וילבש אותו בגדי מלכות ואכל לחם תמיד לפניו כל ימי חייו ודריוש המדי ישב על כסא מלכותו . הוא אחשורוש המלך הפרסי בן דריוש מלך מדי הוא אחשורוש אשר צוה להביא יין משבע ועשרים ומאה מדינה להשקות את שבע ועשרים ומאה מלכים היושבים לפניו למען ישתה כל אחד ואחד מיין מדינתו ולא יוזק. הוא אחשורוש מלך מצוות הוא אחשורוש מלך טפש אשר אמר תבטל מלכותי ולא תבטל גזרתי הוא אחשורוש שהופרו עצותיו ולא קמו גזרותיו. הוא אחשורוש אשר אמר להביא את ושתי המלכה ערומה לפניו ולא באה הוא אחשורוש שבימיו נמכרו בית ישראל חנם בלא כסף כדכתיב חנם נמכרתם. הוא אחשורוש שבימיו השחירו פניהם של ישראל כשולי קדרה. הוא אחשורוש אשר צוה להביא ארזים מן לבנון וזהב מאופיר ולא הובאו הוא אחשורוש שבימיו נתקיים בבית ישראל מה שכתוב בספר תורת משה בבקר תאמר מי יתן ערב. הוא אחשורוש חמשה נאמרה בהם הוא ונקראו רשעים. וחמשה נאמרה בהם הוא ונקראו צדיקים אברם הוא אברהם הוא אהרן ומשה . הוא משה ואהרן. הוא חזקיה. הוא עזרא. אלה הם החמשה צדיקים. והחמשה הרשעים. הראשון נמרוד שכתוב בו הוא היה גבור ציד. הוא עשו אבי אדום. הוא דתן ואבירם הוא המלך אחז הוא אחשורוש ועל אשר אמר ולא עשה נתקצרו ימיו. רק מלך מהודו ועד כוש. מהודו אשר במערב ועד כוש אשר במזרח על שבע ועשרים ומאה מדינה

## מצח אהרן

פינף רשעים וואס אויף זיי שטייט אויך געשריבן (הוא) . דער ערשטער וואר נמרוד שטייט (הוא היה גבור ציד) ער וואר איין שטארקער העלד אין בעטריגעריייא אונ איין ווידר שפעניגער קעגין גאט . אונ ביי עשו שטייט (הוא עשו אבי אדום) דר מהרש"א שרייבט ווי ער הט די בכורה פר קופט צו יעקב איז ער אלט געוועזן פופצען יאר . אונ צום לעצטן איז ער אויך איין רשע געוועזן ווי ער האט יעקב ניט געוואלט לאזן באגראבן אין דר מערת המכפלה דער מדרש רבות שרייבט וויא יצחק איז געשטארבן דא קומט יעקב אונ עשו אונ ווילן טיילן די ירושה . דאכט יעקב דר רשע וועט אמאל מיט זיינע קינדער אויך דא וועלן ליגן אין דר הייל ביי די אבות אונ וועט וועלן איין וואונונג אונ איין חלק האבן מיט די צדיקים . אלזוא זאגט ער צו אים מיין ברודר ווילסטו דיין חלק בהאלטן אדר ווילסטו זילבר אונ גאלד דר פר האבן . ענטפערט עשו פר וואר איין קבר קאן מען אומעטום האבן איך וויל בעסר זילבר אונ גאלד דער פר האבן . אלזוא נעמט יעקב איין גאנצן הופן זילבר אונ גאלד אונ גיט אים . דרום הט יעקב גזאגט (בקברי אשר כריתי לי) דס איז טייטש איין הופען מיט גאלד האב צו עשו געגעבן פר זיין ארב טייל אונ דאך הט דר רשע ניט געוואלט לאזין בגראבן . אונ ווידר שטייט (הוא דתן ואבירם) די צווייא זענן אויך רשעים געוועזן פון אנפאנג ביז צום לעצט . דען ווי זייא ווארן אין מצרים זאגט משה צו דתן ווארום הייבסטו דיינע הענט אויף אונ ווילסט דיין חבר שלאגן . זאגט ער צו משה ווער הט דיך צו איין הער אדר ריכטר איבר אינז גמאכט אונ גייען צו פרעה אונ האבן מסירות אויף אים אן גרעט דס ער הט גמוזט אנטלופן . אונ צום לעצטן ביי דיא קריג פון קרח האבן זייא ווידר גקריגט מיט משה אונ אהרן . אונ האבן צו זיי גזאגט איר האט אייך גאר צוא פיל חשיבות גנומן . אונ בייא אחז שטייט אויך (הוא) ער איז איין רשע גוועזן פון אנפאנג ביז צום לעצטן . דער מדרש

אתתיה. הוא אחשורוש המולך מהודו ועד כוש והלא הודו וכוש קריבין הויין חדא לחדא אלא היך דהוה שליט בהודו וכוש דהוון קריבין ליה הכי הוה שליט על מאה ועסרין ושבע מדינן ואפרכיא די להון דקותיה את משבח דשלמה מלכא שליט בכולי עבר נהרא מתפסח ועד עזה והלא תפסח ועזה קריבין הויין חדא לחדא אלא היך דהוה שליט על תפסח ועזה די הויין קריבין הכי הוה שליט על כולי עבר נהרא עלמא. ארבע הנון דשליטו מסוף עלמא ועד סופיה תרין מן אומי עלמא ותרין מן ישראל. שלמה ואחאב מן ישראל. בשלמה כתיב כדאמרית. באחאב כתיב אם יש גוי וממלכה. ונבוכדנצר ואחשורוש. אלא אחשורוש אתקצרת מלכותיה ולא הוה שליט אלא על מאה ועסרין ושבע מדינן ולמה זכה די שליט על מאה ועסרין ושבע מדינן אלא אמר קודשא בריך הוא עתיד הוא למסבה לאסתר דהיא מן בנת בנתא דשרה דחיית מאה ועסרין ושבע שנין תיעול בת בנתא דשרה דחיית מאה ועסרין ושבע שנין ותמלוך על מאה ועסרין ושבע מדינן:
ב בימים ביומיא האנון כד הוה יתיב מלכא אחשורוש על כורסיה דהוה מזומן ליה בשושן בירנתא הא כורסיה לא דידיה ולא דאבהתוי אלא כורסיה דמלכא שלמה דאתקן יתיה חירם בר אתתא ארמלתא דצור בחכמא רבא. הוא שלמה מלכא רבא דאמליך יתיה קודשא בריך הוא מסוף עלמא ועד סופיה בחר יי ביה עד דלא אתיליד ממעי אמיה רחם יתיה גלא ליה רזין טמירין ואחזי ליה סתרין עמיקין. דעתא וחוכמתא יהב ליה ובינות לבא מן בראשית. הוא היה מסתכל בבעלי דינא כד הוו אתין למדן קדמוי ועד אנון לא יכלין למללא קדמוי מילין דשקרא מן קדם דהוה ידע בין זכאה ובין חיבא. זיוא והדרא אשתפיך עלוהי וכהרא דמלכותא אתיהיב ברישיה חינא וחסדא אלביש יתיה כמא דאלביש

## פתשגן הכתב

הוא אחשורוש אשר המית אשתו בעבור אוהבו. הוא אחשורוש אשר הרג אוהבו המן בעבור אשתו. הוא אחשורוש המולך מהודו ועד כוש. והלא הודו וכוש קרובים היו זה לזה אלא כאשר הי' מושל על הודו וכוש הקרובים לו כן הי' מושל על שבע ועשרים ומאה מדינה ואיים. בכה אתה מוצא כתוב בשלמה המלך אשר הי' רודה בכל עבר הנהר מתפסח ועד עזה והלא תפסח ועזה קרובים היו זה לזה אלא כאשר היה רודה על תפסח ועזה אשר היו קרובים כן היה רודה על כל עבר נהר העולם. ארבעה הם אשר מלכו מקצה העולם ועד קצהו שנים מן אומה"ע ושנים מישראל. שלמה ואחאב מישראל. בשלמה כתיב כאשר אמרנו. באחאב כתוב אם יש גוי וממלכה. ונבוכדנצר ואחשורוש אבל אחשורוש נקצר מלכותו ולא היה מושל כי אם על שבע ועשרים ומאה מדינה. ומדוע זכה לשלוט על שבע ועשרים ומאה מדינה כי כן אמר הקב"ה עתיד הוא לקחת את אסתר לאשה אשר היא מזרעה של שרה ואשר היו ימי שני חייה שבע ועשרים ומאת שנה תבא בת בתה של שרה אשר חיתה מאה ועשרים ושבע שנים ותמלוך על שבע ועשרים ומאה מדינה: (ב) בימים ההם. כשבת המלך אחשורוש על כסא המזומן לו בשושן הבירה. זה הכסא לא היה לו ולא לאבותיו כי אם כסא אשר למלך שלמה ואשר הכינו חירם בן אשה אלמנה מצור בחכמה רבה. הוא שלמה המלך הגדול אשר המליך אותו הקב"ה מקצה העולם ועד קצהו בחר ה' בו טרם נולד ממעי אמו. אהב אותו. גילה לו צפוני סודות ויגד לו סתרים עמוקים. חכמה ודעת נתן לו ובינת לב מימי בראשית הוא היה מסתכל בבעלי הדין כאשר היו באים לדון לפניו. ואף גם הם לא היו יכולים לדבר לפניו דברי כזב. כי הוא ידע להבחין בין זכאי ובין חייב. הוד והדר נשפך עליו וכתר מלכות ניתן

## מצח אהרן

שרייבט א משל אויף אים צו וואס דר אחז גלייך וואר. א מלך האט איין זוהן געהאט. חט ער אים גגעבען צו איין קנעכט אין די הענט ער זאל אים דערציהן. דר קנעכט האט אים אבער פיינד געהאט דענקט ער זיך ווי זאל איך טאן זאל איך אים ממית זיין וועט מען מיך ממית זיין. איך וועל אים ליבר די זוג אם אוועקנעמען אזו וועט ער פון זיך זעלבערט שטארבען. אזוי האט אחז אויך גטאן. דאס האט ער אזו גמיינט. ווען קיין קליינע קינדער וועט ניט זיין וועלן אויך ניט זיין קיין גרויסע. און ווען קיין גרויסע וועלן ניט זיין וועט אויך קיין תלמידים ניט זיין און ווען קיין תלמידים ווערן ניט זיין וועלן אויך קיין חכמים זיין און ווען קיין חכמים וועלן ניט זיין ווער' אויך קיין זקנים ניט זיין און ווען קיין זקנים וועלן ניט זיין וועט אויך קיין תורה ניט זיין און ווען קיין תורה ניט זיין וועט ניט זיין ווערן קיין שולן און בתי מדרשים אויך ניט זיין. און ווען קיין שולן און בתי מדרשים וועלן ניט זיין וועט הש"י זיין שכינת ניט לאזן רוען אין די וועלט. און ער האט פרשלאסן אלע שולן און בתי מדרשים וואו מען הט תורה גלערנט:
(ב) (בימים ההם כשבת המלך) אין די זעלביגע טג אלין דר קיניג אחשורוש איז גזסן אויף זיין קיניגליכן שטיל אין דר הויפט שטאט שושן. זאגט ר' יצחק פון דאנן לערנט מען דאס צו די יידן איז קיין גזעס. פרעגן אים די חכמים איין קשיא. דו זאגסט צו די יידן איז קיין גיזעס עס שטייט דאך גשריבן אז ער איז גזעסן דער קיניג אחשורוש. ענטפערט ער. שטייט דען גשריבן ער איז גזעסן נייערט אזו שטייט אז גזעסן איז. דאס איז קיין גזעס וואס איין גזעס הייסט. אבער די גיזעס פון ישראל הייסט איין רעכט גיזעס. דען עס שטייט גשריבען (כשבת ישראל) און זיי זענן גזעסן ישראל אין חשבון און אירע דערפר. און אויך דער שטיל וואו ער איז גזעסן דער וואר ניט זיין און הט אויך ניט געהערט צו זיינע עלטערן. נייערט שלמה המלך ע"ה הט אים גלאזט מאכן דורך זיין גרויסע חכמה. און דר ווס הט אים גמאכט דס וואר חירם פון צור ער הט די מייסטערם ביי זיך געהאט וואס ביי שלמה זענן גוועזן. דאס וואר דר שלמה המלך ע"ה ווס הש"י הט אים אום דער וויילט איידר ער איז באשאפן גוואורן. דר זוהר שרייבט א מלך האט איין קעסטליכע קרון גפונען. זאגט ער די קרון זאל זיין פאר זיין זוהן אויף זיין קאפ צו זעצן און דער זוהן איז נאך ניט גבארן גוועזן. אזו האט הש"י גזאגט אויף שלמה המלך צו אים ווערט שוין אן שטיין די קרון פון מלכות און האט אים פיל סודות התורה מגלה גוועזן. ער הט אלעס גוואוסט וואס אין הימעל גשעהן איז. ער האט אזו פיל חכמה ביי זיך געהאט ווען לייט זענן גקומן צו אים צו משפט האט ער גלייך גוואוסט ווער עס האט אומרעכט. ער וואר בקליידעט מיט חן און חסד און די קרון אויף זיין קאפ גלייך ווי הש"י האט אנגקליידעט צו דוד המלך ע"ה זיין פאטער. דרייצעהן יאר וואר ער אלט ווי ער איז מלך גוואורן. זיין נאמן וואר ידידיה דאס ווארט איז טייטש גליבט ער וואר גליבט ביי הש"י. און שלמה האט ער געהייסן ווייל אין זיינע צייטן וואר איטל שלום. גלייך ווי עס שטייט גשריבען (וישב יהודה וישראל לבטח) דאס איז טייטש ער זיצט יהודה וישראל זיכערלך. דער זוהר הקדוש שרייבט עס וואר דרום אין זיין צייט איטל שלום ווייל די לבנה איז אין זיינער צייט גאנץ גשטאנען. דעם

